STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11726

DI TSIENISTISHE BAVEGUNG IN MEKSIKE

Yeshayahu Austridan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ישעיהו אוסטרי־דן

די ציוניסטישע באוועגונג אין מעקסיקע

פראָבלעמען – דערגרייכונגען – אויפגאַבן

די ציוניסטישע פעדעראַציע—אויגוסט 1953—יאַנואַר 1957



ארויסגעגעבן דורך דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין מעקסיקע — ניסן
ה.תשי״ז אַפּריל 1957 — מעקסיקע, ד. פ.

דער באַריכט דריקט אויס די מיינונג פון
אַמטירנדיקן פּרעזידענט פון דער ציוניס-
טישער פעדעראַציע אין מעקסיקע

ה׳ רפאל ראַפאַלין

און פון גענעראַל-סעקרעטאַר

ד״ר ישעיהו אוסטרי-דן

דער מחבר פון דער אַרבעט, וואָס שטעלט מיט
זיך פאָר דעם אָפיציעלן באַריכט פון די טעטי-
קייטן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין
מעקסיקע פאַרן אָנגעגעבענעם צייט-אָפשניט.

אינהאלט:

זייט

אריינפיר — 9
ערשטע תקופה — 13
דער אנקום פון ערשטן ציר ישראל — 16
א רעזידענץ־געשאנק פאר דער צירות — 18
די מחלקת העליה, הנוער והחלוץ — 19
מדריכים — 24
שח'ם — 25
פ.א.ט.וו.א. — 26
עקאנאמישע אקטיוויטעט, אינוועסטיציעס — 29
די ציוניסטישע יוגנט־פעדעראציע — 31
קאמפיינען — וואנדלונגען און איבערוואנדלונגען — 36
קרן היסוד — 41
קרן הקימת לישראל — 42
קרן מנן — 44
אגרות — 46
וויצ'א — 47
פרויען פיאנערן — 49
ברית עברית עולמית — 50
קאמיטעט פאר דער העברעאישער אוניווערסיטעט — 51
טכניון־געזעלשאפט — 53
עלית הנוער קאמיטעט — 55
די „תרבות"־שולע — 59
ספרדים, יוצאי־דמשק, צדקה־ומרפא, התקוה־מנורה, אמונה — 62
דער יידישער צענטראל־קאמיטעט אין מעקסיקע — 65
די אשכנזישע קהלה אין מעקסיקע — נדחי ישראל — 69
ארגאניזאציאנעלע פארמען פון דער ציוניסטישער פעדעראציע — 77
1. פרעזידיום — 77
2. עקזעקוטיוו — 78
3. ראט — 79
די ציוניסטישע פעדעראציע, קה'י און קהק'ל — 80
ארגאניזאציאנעלע פרינציפן פון דער פעדעראציע — 81
דער „וועטא" — 83

די וואַלן צום 24־טן ציוניסטישן קאָנגרעס — — — — — — — — — — 86
שלום־וואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — — 90
א) צוזאַמענשטעל פון נייעם פּרעזידיום — — — — — — — — — 91
ב) נים אויסגעפירטע אויפגאַבן — — — — — — — — — — — 93
1. עקאָנאָמישער דעפּאַרטאַמענט — — — — — — — — — — 93
2. קולטור־דעפּאַרטאַמענט — — — — — — — — — — — 93
3. חינוך־אַקטואירונג — — — — — — — — — — — — 94
4. יוגנט־דערציונג — — — — — — — — — — — — — 94
5. אָרגאַן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע — — — — — — 96
מנן דוד אדום — — — — — — — — — — — — — — — — 97
פולע ליסטע פון קאָמיטעטן און אַקטיוויסטן פון דער ציוניסטישער
באַוועגונג אין מעקסיקע — — — — — — — — — — — — 99

אַרייַנפיר

די ציוניסטישע פעדעראַציע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין מעקסיקע אין די חדשים אויגוסט-סעפּט. 1953, שטעלט מיט זיך פאַר דעם צווייטן פּעריאָד פון דער עקזיסטענץ פון אַ פעדערירטע ציוניסטישע איינהייט, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען, וויכטיקסטע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס וואָס טוען אַרבעט לטובת ישראל אין דער מעקסיקאַנער רעפּובליק.

די ערשטע פעדעראַציע, וועלכע איז געווען טעטיק אין די יאָרן 1949 ביז 1951 בערך, האָט ניט געהאַט קיין וויכטיקע ראָל אין היגן ציוניזם. זי האָט אויך ניט דערוואָרבן קיין אָנגעזעענעם פּלאַץ אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון אונדזער ישוב. זי איז געווען אַ פּרווו צו פאַראייניקן די היגע ציוניסטישע מחנה, נאָכדעם ווי עס איז אויפגעלעזט געוואָרן די ראַם פון דער „פאַראייניקטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע", וועלכע האָט עקזיסטירט אין מעקסיקע קאַרטישע 20 יאָר, און האָט אַרומגענומען אין אַ מין „הסתדרות ציונית אחידה" די גרעסטע טייל שאַטירונגען פון ציוניזם און האָט געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט און מיט גרויס ציוניסטישע פאַרשטענדעניש דעם „השומר הצעיר", די איינציקע חלוצישע יוגנט-אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט עקזיסטירט צו יענער צייט אין מעקסיקאַנער יידנטום, אויסער בית"ר, וואָס איז ניט געווען אַנגעשלאָסן אין דער פאַר. ציונ. אָרגאַניזאַציע.

די וואָס האָבן געפּרעדיקט דעם געדאַנק פון „הסתדרות ציונית אחידה", — וואָס איז צום גליק פון ציוניזם, אָפּגעוואָרפן געוואָרן אויפן 24-טן ציוניסטישן קאָנגרעס אַפּריל-מאַי 1956 אין ירושלים, — וואָלטן געמעגט זיך אָפּשטעלן אַ ווײַלע אויף דער געשיכטע פון מעקסיקאַנער ציוניזם. די „פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע" האָט געהאַט איר ספּעציפישן אַלגעמיינעם ציוניסטישן כאַראַקטער, נישט

צוליב א פאַרויסבאַשטימטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויפּאַסונג, נאָר ווי אַ רעזולטאַט פון געוויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען ווי די באַגרענעצטע צאָל יידן, וואָס האָט געלעבט אין מעקסיקע ביזן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די שוואַכע עקאָנאָמישע לאַגע, אַוווּ די יידן האָבן ערשט גענומען שטעלן די ערשטע ערנסטע שריט אין גרויס־האַנדל, קליינע און מיטעלע אינדוסטריע, איז אויך געווען אַ וויכטיקע סיבה, וואָס האָט ניט דערמעגלעכט צעשפּליטערונג צוליב ניט־רייפע אידעאָישע גרופּן. נאָך אַ סיבה פאַרן לאַנגיעריקן דערפאָלג פון דער „פאַראייניקטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע", איז געווען דער פאַקט וואָס די אידעאָישע דיפערענצירונג, וואָס האָט עקזיסטירט בכוח אין דער היגער ציוניסטישער מחנה, האָט נישט געהאַט קיין געזעלשאַפטלעכע טראָג־כוחות, וואָס זאָלן איר געבן אַן אָרגאַניזירטע ראַם און אַ דעפינירטע פאַרטייפאָרם.

ערשט דער וווּקס פון יידישן ישוב אין די לעצטע דרייסיקער יאָרן און אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט דערפירט צו דער אידעאָישער קריסטאַליזאַציע פון היגן ציוניזם און צום באַשלוס, אַז די „פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע" זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אַלגעמיין ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נישט אַרויסזאָגנדיק זיך ניט פאַר די ציונים כלליים און ניט פאַר די ציונים פּרוגרסיביים.

די אידעאָישע קריסטאַליזירונג, האָט אַרויסגערופן צום לעבן אַלע שאַטירונגען און פאַרטייען וואָס עקזיסטירן אין דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג, און אין איינציקע יאָר האָבן מיר פאַרצייכנט אין מעקסיקע אַ ברויזנדן אויפקום פון אַ פאַרצווייגטער און טעטיקער ציוניסטישער באַוועגונג. מיט יעדן יאָר האָט דער ציוניסטישער אַקטיוו פאַרנומען אַן אַלע מאָל וויכטיקערן פּלאַץ אין היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן. נאָך פריער, ווי אַן אָנזאָג פון דער **אידעאָישער דיפערענצירונג** אין דער ציוניסטישער מחנה, איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון **דערציערישער דיפערענציאַציע**. דורכן אַנטשטיין פון אַ גאַנצע ריי העברעאישע שולעס אין אשכנזישן ווי אויך אין די ספרדיש־אַראַבישע סעקטאָרן, און אַזוי אויך די רעליגיעזע שולע „יבנה". דער אָפּשלוס פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און דער אויפקום פון מדינת ישראל, טרעפט שוין אַ גוט אָרגאַניזירטע און אידעאָיש־דיפערענצירטע ציוניסטישע באַוועגונג אין דער מעקסיקאַנער רעפובליק.

אָבער דיזעלבע דיפערענצירונג און פונאַנדערפאַל פון דער „פאַראייניקטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע", האָט געשאַפן אַ בלויז אין צוזאַמענרעד און צוזאַמענאַרבעט פון אַלע ציוניסטישע פאַרטייען און

גרופירונגען. פון דער צווייטער זייט, איז דער אויפקום פון מדינת ישראל, דער העראָישער און זיגרייכער אומאָפּהענגיקייטס־קאַמף פון צה״ל ווי אויך די ליקווידאַטאָרישע ווינטן וואָס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין מדינת ישראל און אין געוויסע קרייזן פון דער ציוניסטישער פּי־רערשאַפט, וועגן דער „געענדיקטער געשיכטלעכער אויפגאַבע״ פון ציוניזם און איר באַוועגונג, האָבן צוזאַמען בייגעטראָגן פאַר דעם געפיל פון צוזאַמען־זיין ביי אַלע פּאַרטייען אין מעקסיקאַנער יידנ־טום, און אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די ערשטע ציוניסטישע פעדע־ראַציע אין דער געשיכטע פון היגן ציוניזם.

די פעדעראַציע האָט נישט פּראָספּערירט צוליב פיל סיבות. לאָ־מיר אויסרעכענען די וויכטיקסטע פון זיי:

א) עס איז געווען אַן ערשטער פּרוּוו פון זיך זעצן אַרום איין טיש, אָן קיין גענוי בילד און פּאָרשטעלונג וועגן דעם, ווי אַזוי עס דאַרף געפירט ווערן די טעטיקייט פון אַ פעדעראַציע.

ב) ס׳האָט געהערשט אַן איבערגעטריבענע פּאָליטיזירונג צווישן די פּאַרטייען, צוליב מאַנגל אין אומפּאַסנדיקערן קוק אויפן ציוניזם, די פּראָבלעמען פון מדינת ישראל און פון יידישן פאָלק.

ג) אַלס רעזולטאַט דערפון, איז די פעדעראַציע פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ פּלאַץ פאַר פּאָליטישע ראַנגלענישן און פּאַרמעסטן, וואָס האָט אַרויסגערופן אומאויפהערלעך רייבונגען און בייז־בלוט.

ד) די לאָקאַלע אינטערעסן, האָבן באַקומען אין אַ געוויסער מאָס די אייבערהאַנט איבער די ציוניסטישע אינטערעסן, פאַרוואַנדלענ־דיק דעם "פּאַראייניקטן קאַמפּיין" ניט אין אַן אינסטיטוציע, דורך וועלכער די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל קענען באַאיינפלוסן דאָס לעבן פון מעקסיקאַנער יידנטום, נאָר אין אַ פונקציע, וואָס האָט אונטער־וואָרפן די הייליקסטע ציוניסטישע אויפגאַבן און התחיבותן די אינ־טערעסן פון אָרטיקן ישוב. לאָמיר עס אויפקלערן, כדי אויסמיידן מיספאַרשטענדענישן און מיסאינטערפּרעטאַציעס: די אינטערעסן פון ישוב זיינען זייער גוט פאַרזיכערט געוואָרן דורכן פּאַסיקן איינטייל וואָס איז געגעבן געוואָרן די שטאַטישע אינסטיטוציעס אין „פּאַר־אייניקטן קאַמפּיין״. די ציוניסטישע פירערשאַפט אָבער, איז נישט געשטאַנען אויף דער הויך פון אירע אויפגאַבן, אונטערוואַרפנדיק די ציוניסטישע אויפגאַבן צו די לאָקאַלע אינטערעסן — אגב אָן שום נוצן פאַר זיי זעלבסט — צוליב אַ צופעליקן דרוק פון אַזאַ אָדער אַנדערער קליינער לאָקאַלער גרופּע.

לאָמיר זיך באַגרענעצן צו די אויסגערעכנטע סיבות פון אומ־דערפאָלג פון ערשטן פּרוּוו צו פעדערירן די ציוניסטישע באַוועגונג אין מעקסיקע. געוויס קען מען אויסרעכענען נאָך פיל אַנדערע סי־בות, אָבער דאָס וועלן זיין צווייט־און־פיפטראַנגיקע עלעמענטן אין

דער געשיכטע פון היגן ציוניזם. מיר האָבן נאָר געוואָלט, אין דעם
קורצן אריינפיר, אָנקניפּן אין דער געשיכטע פון ערשטן פּרווו פון
אויפשטעלן א פעדעראַציע אין מעקסיקע און אָנווייזן אויף די סיבות
וואָס האָבן נים דערמעגלעכט איר דערפאָלג.

ערשטע תקופה

ווי דערמאָנט, איז די ציוניסטישע פעדעראַציע אין מעקסיקע גע־גרינדעט געוואָרן נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען אין די חדשים אוי־גוסט־סעפּטעמבער 1953.

דער ערשטער שטויס דערצו איז געווען אַ פּאָליטישע אַנגעלעגנ־הייט, וועגן וועלכער מיר ווילן דאָ ניט באַריכטן, ווייל עס וואָלט אַנגערירט פּערזאָנען וועלכע פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע אמטן אין דער ישראל־אַדמיניסטראַציע. דאָס האָט אָבער אַרויסגערופן די נויטיקייט פון נעמען אַ געמיינזאַמע שטעלונג מצד אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אין מעקסיקע. מען איז געקומען אין געציילטע מינוטן צו אַ געמיינזאַמער דעפינירונג פון דער סיטואַציע און עס איז אונטערגע־שריבן געוואָרן אַ פּראָטאָקאָל מיט דער פולסטער חברישער איינ־שטימיקייט פון רעכטס ביז לינקס.

דער פאַקט האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז עס איז שוין צייט צו מאַכן אַ צווייטן פּרווו פון זיך זעצן צום טיש כדי פאַר־האַנדלען וועגן אויפשטעלן אויפסניי אַ ציוניסטישע פעדעראַציע אין מעקסיקע.

דער גוטער ווילן איז געווען אַ בולטער אָבער די אונטערהאַנד־לונגען זיינען צוגעגאַנגען שווער. מען האָט זיך געאַמפּערט על קוצו של י׳וד. די דיסקוסיע איז טאַקע אַנגעגאַנגען איבער פּאָזיציעס און אמטן, וויסנדיק ווי וויכטיק עס איז די אמטן־פאַרטיילונג אין דער פעדעראַציע, וואָס וועט אָפּשפּיגלען דעם כוח און די פּאָזיציע פון דער געגעבענער פּאַרטיי אין היגן ציוניזם. די הויפּט דיסקוסיע איז געגאַנ־גען וועגן צוויי פאַרשידענע שטעלונגען.

א) איין טייל פּאַרטייען האָט געוואָלט נעמען דעם שליסל פון רעזולטאַט צו די וואַלן צום 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, פאַר אַ באַזע צו פאַרטיילן די אמטן. לויט דער צאָל שטימען וואָס יעדע פּאַרטיי

האט באקומען זאלן פארטיילט ווערן די וויכטיקסטע אמטן אין דער פעדעראציע, קרן היסוד און קרן קימת לישראל.

ב) א צווייטע גרופע פארטייען האט פארגעלעגט מען זאל קר־מען צו אן הסכם, אויפן יסוד פון גוטן ווילן און וואל פון פאסיקע מענטשן וואס די פארטייען וועלן פארלעגן פאר די פארשידענע אמטן. זיי האבן ארגומענטירט אז די פרעזידענטשאפטן פון קרן היסוד און קהק"ל זיינען ניט קיין פראגן פון פארטיי פאזיציעס, נאר פון געפינען די בעסטע מענטשן, וועלכע קענען דערגרייכן די בעסטע רעזולטאטן און צוציען וואס מער כוחות צו דער ארבעט פאר די נאציאנאלע פאנדן. זיי האבן אויך אנגעוויזן אויפן פאקט, אז דער פערזאנען־צוזאמענשטעל אין פרעזידיום פון דער פעדעראציע איז פון דער קאר־דענאלסטער וויכטיקייט פארן דערפאלג פון דער ארבעט, ווייל די פערזענלעכע אומפעאיקייט פאר קאאפעראציע איז געווען איינע פון די סיבות, וואס האבן אונטערגעגראבן די טעטיקייטס־פעאיקייט פון דער פריערדיקער פעדעראציע.

ג) א דריטע שטעלונג איז געקומען צום אויסדרוק וואס האט געהאלטן, אז ווי מען זאל ניט פארטיילן די אמטן, דארף מען גע־דענקען דעם וויכטיקסטן מאמענט, אז עס איז נויטווענדיק צו גע־פינען א געמיינזאמע שפראך, און וואס מער, א געמיינזאמען פאר־טרויען אין דער פאליטיש־געזעלשאפטלעך־קולטורעלער טעטיקייט פון די פארטייען אינערהאלב דער פעדעראציע. דעריבער איז נויטיק — האט געהאלטן די גרופע — אז מען זאל אויפבויען די פעדערא־ציע ניט אויף דער באזע פון וואל־רעזולטאטן צום ציוניסטישן קאנ־גרעס נאר אויף דער באזע פון פארטיי־פאריטעט אין צוזאמענשטעל פון דער פעדעראציע. דאס וועט שאפן דעם גוטן ווילן פון יעדער פארטיי אין דער ארבעט, ווייל עס גייט דא ניט דא אין פאליטישע אמפערנישן און רייסערייען, נאר אין טאן געמיינזאמע ארבעט, וואס אלע פארטייען צוזאמען זיינען פאר איר פאראנטווארטלעך אינער־האלב דאס מעקסיקאנער יידנטום.

די דריטע שטעלונג האט געזיגט אין לויף פון די דיסקוסיעס און מען האט באשלאסן, אז דער עקזעקוטיוו פון דער פעדעראציע, וועט צוזאמענגעשטעלט ווערן פון די זעקס עקזיסטירנדיקע פארטייען אין מעקסיקע (אלגעמיינע ציוניסטן, פועלי־ציון, רעוויזיאניסטן, מפ"ם מז־רחי און הפועל המזרחי) געבנדיק דריי פארשטייער יעדע איינע, פון וועלכע די ערשטע צוויי וועלן האבן שטים־רעכט און דער דריטער וועט זיין א פארטרעטער מיט בעראטונגס־רעכט, און מיט שטים רעכט ווען עס וועט פעלן איינער פון די ערשטע צוויי פארשטייער.

די צווייטע ארגאניזאטארישע אנגעלעגנהייט איז געווען די פארטיילונג פון די אמטן אין פרעזידיום פון דער פעדעראציע. מען איי־

געקומען צו אַ געאייניקטער שטעלונג, נאָכדעם ווי דער פּאַרשטייער פון מפ"ם, דער שרייבער פון די שורות, האָט געמאָלדן, אַז איינזעענדיק די וויכטיקייט און נויטווענדיקייט, אַז עס זאָל אַנטשטיין אַ גע־איי‏ניקטער ציוניסטישער כוח אין מעקסיקאַנער ישוב, וואָס וועט ווערן דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין ישוב אין אַלע אַספּעקטן פון זיין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטיש לעבן, איז ער מיטן פולן באַוווסט־זיין מוותר אויף וועלכער עס זאָל נאָר נישט זיין פּאָזיציע אין דער אַמטן־פאַרטיילונג פון דעם פּרעזידיום פון דער פעדעראַציע, כדי פאַרלייכטערן איר צוזאַמענשטעל און גרינדונג. ער האָט זיך אָבער פאַרזיכערט, אַז אַ פּלאַץ, אַן אַן אַמט, זאָל צוגעטיילט ווערן, מיט פולע רעכט, דער מפ"ם־פּאַרטיי אין פּרעזידיום פון דער פעדעראַציע.

די אַמטן־פאַרטיילונג איז דאַן צושטאַנדגעקומען אין דער פאָלגנ־דער־פאָרם:

פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע — אַלגעמיינע ציוניסטן.

פאָרזיצער פון ראַט — פּועלי־ציון.

וויצע־פּרעזידענט (פון דער פעדעראַציע און פון ראַט) רעוויזיאָ־ניסטן.

קאַסירער — מזרחי.

פינאַנץ־סעקרעטאַר — הפועל המזרחי.

דער פּלאַץ פון גענעראַל־סעקרעטאַר איז געבליבן פריי, ווייל די פּאַרטייען האָבן נישט געקענט דורכקומען וועגן דעם ווער עס זאָל פאַרנעמען דעם אַמט. עס איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן, אַז מפ"ם זאָל באַקומען דעם פּלאַץ, אויף אַ צייט־אָפּשניט פון דריי חדשים, און דערנאָך זאָלן די פּאַרטייען זיך בייטן, יעדע דריי חדשים, אויף דעם אַמט. קיין פּאַרטיי האָט קיינמאָל נישט געפאָדערט בייטן דעם גע־נעראַל־סעקרעטאַר פון זיין אַמט, און אַזוי אַרום איז מפ"ם פאַרבליבן ביי דעם אַמט די גאַנצע צייט פון פעריאָד אין וועלכן עס האָט אַמ־טירט די ציוניסטישע פעדעראַציע אין מעקסיקע, וועגן וואָס עס ווערט דאָ באַריכטעט. ערשט ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שטריי־טן אַרום דער פראַגע פון יאָ אָדער ניט וואָלן צום 24־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט איין פּאַרטיי, צוליב פאַרשטענדלעכע פּאָליטישע טע־מים, אַרויסגערוקט טענה, הלמאי דער גענעראַל־סעקרעטאַר, איז ניט פאַרטראָטן געוואָרן דורך אַ צווייטן פאַרשטייער פון אַן אַנדער פּאַר־טיי. די טענה איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך אַלע פּאַרטייען פון דער פעדעראַציע און אַזוי אַרום באַשטעטיקט די נישט־צייט־ווייליקייט פון באַקליידטן אַמט און אים פאַרוואַנדלט אין אַ פּערמאַנענטער פּאָ־זיציע פאַר דעם מפ"ם־פאַרשטייער אין פּרעזידיום פון דער פעדעראַ־ציע. עס איז דערנאָך פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע דיסקוסיע און אָפּ־

שטימונג, וועלכע האָט באַשלאָסן, אַז ביז דעם צוזאַמענשטעל פון אַ נייעם פּרעזידיום פון דער פעדעראַציע, וועט אַמטירן דער איצטי-קער פּרעזידיום אין זיין היינטיקן צוזאַמענשטעל.

דער אָנקום פון ערשטן ציר ישראל

דריי טעג פאַרן אָנקום פון ערשטן ציר ישראל קיין מעקסיקע, דר. יוסף קיסרי, איז ענדלעך געגרינדעט געוואָרן די פעדעראַציע. אַלס רעזולטאַט דערפון איז די פעדעראַציע גלייך אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר וויכטיקע אויפגאַבן פון פייערונגען און רעפּרעזענטאַנץ, וואָס האָבן געהאַט דעם געהעריקן דערפאָלג, טראָץ דעם מאַנגל אין אַן אַפּאַראַט און טראָץ דאָס פעלן פון טראַדיציע פון געאייניקטער ציוניסטישער רעפּרעזענטאַנץ, אין דער געבונדענער פאָרם, ווי זי האָט זיך איצט אויסקריסטאַליזירט.

פון דער צווייטער זייט, האָט עקזיסטירט אַ ספּעציפישע לאַגע אין מעקסיקאַנער ציוניזם, וווּ עס איז געווען אַ פאָרשטייערשאַפט פון דער יידישער אַגענטור, און אַרום דעם זיינען פאָרגעקומען פּערמאַנענטע רייבונגען און פּאָליטישע צוזאַמענשטויסן, וואָס האָבן געשטערט דעם שלום-בית אין דער היגער באַוועגונג. עס איז ניט די אויפגאַבע פון דעם באַריכט צו געבן אַן אָפּשאַצונג, ווער איז געווען גערעכט און ווער אומגערעכט אין די אָדער אַנדערע פאַלן. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז צוליב אַלגעמיינע — און זייער אָפט פּערזענלעכע — טעמים, איז אַנטשטאַנען אַ פּערמאַנענטער צושטאַנד פון קעגנזייטיקן אומצוטרוי צווישן אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען פון איין זייט, און די פאָרשטייערשאַפט פון דער יידישער אַגענטור פון דער אַנדערער.

ביי דער לאַגע איז אַנטשטאַנען די ציוניסטישע פעדעראַציע, וואָס האָט זיך באַטראַכט פאַר די איינציקע פאָרשטייערין פון דער יידישער אַגענטור אין דער מעקסיקאַנער רעפּובליק. איינע פון די שאַרפסטע אויסזעצונגען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, — און שפּעטער איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפיציעלער שטעלונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, — איז געווען דער פאַקט, וואָס די פאָרשטייערשאַפט פון דער אַגענטור, וואָס האָט באַקומען אויך דעם ערך-קאָנסולאַט פון מדינת ישראל, דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז פאַר אָפיציעלע מעקסיקאַנער רעגירונגס-קרייזן און דער גאַנצער עפנטלעכער מיינונג, איז עס געווען אַ פאָרשטייערשאַפט פון אַ צוויי-טער סוווערענער מדינה, — האָט אין דער זעלבער צייט דורך איר

פאַרשטייער באַקליידט דעם אַמט פון אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט גע־האַט פאַר איר אויפגאַבע זיך קעגנשטעלן דערשיינונגען פון אַנטיסע־מיטיזם אין די אַדער אַנדערע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע קרייזן אין אַצטעקן־לאַנד. די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט געהאַלטן די לאַגע פאַר זייער אַ געפערלעכן פרעצעדענס און האָט ניט איינמאָל אַנגעוויזן אויף דער אומנאָרמאַלער לאַגע וואָס קען שאַפן געפערלעכע פּאָליטישע סיטואַציעס ניט נאָר פאַר מדינת ישראל נאָר פאַרן היגן ישוב אַלס אַזעלכן.

די געציילטע פּרטים ווערן דאָ אונטערשטראָכן, ניט כּדי אויפצו־וועקן שוין פאַרשוווּנדענע צווייטיקייטן, נאָר כּדי געבן צו פאַרשטיין די ערשטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענשטויסן וועלכע די ציו־ניסטישע פעדעראַציע האָט מיטגעמאַכט גלייך אין די ערשטע טעג פון איר אַנטשטייאונג. אַן די פאַקטן, וועלכע זיינען היינט זכרונות פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, וואָלט ניט מעגלעך געווען צו פאַרשטיין די פּאָליטישע אַרבעט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין דער ערש־טער תּקופה פון איר עקזיסטענץ.

די אויפנאַמע פאַרן ציר ישראל, י. קיסרי, און ערשטן סעקרעטאַר פון דער צירות ישראל, מר ירחמיאל ירון, איז געווען אַן ענטוזיאַסטי־שע, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים. היינט, אין דער פּערספּעקטיוו פון דער „זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט" פון פאַקט פון האָבן אַן אייגענע מדינה, יידישע מיניסטאָרן און אַמבאַסאַדאָרן, קען אויסקוקן דער אויס־דרוק „ענטוזיאַסטיש" אַביסל ראָמאַנטיש, אָבער די ציוניסטישע פע־דעראַציע און דאָס גאַנצע מעקסיקאַנער יידנטום האָט ערשט אויפן זעקסטן יאָר פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל זוכה־געווען צו זען דאָהי אַ ציר־ישראל און די שמחה פון ישוב און זיין ענטוזיאַזם האָט באַקומען דעם פּאַסיקן אויסדרוק.

גלייך ביים אָנקום פון ציר ישראל, האָט די פעדעראַציע אונטער־גענומען אַ קאַמף פאַר אירע „רעפּרעזענטאַנץ־רעכט". די פעדעראַציע האָט עקשנותדיק אָנגעהאַלטן איר שטעלונג, אַז זי איז די רעכטלעכע רעפּרעזענטאַנץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און צו אונדזער טיפסטער סאַטיספאַקציע, זיינען דער ח' ציר ישראל דר. יוסף קיסרי און דער ערשטער סעקרעטאַר מר ירחמיאל ירון, געשטאַנען אויפן זעלבן שטאַנדפּונקט, און אַזוי אַרום האָט די פעדעראַציע געוווּנען איר ערשטן „ראַונד" אין פאַרמעסט פאַר באַקומען אירע לעגיטימע רעכט ביי דער צירות און אין דער היגער ציוניסטישער געזעל־שאַפטלעכקייט.

די ערשטע געלעגנהייט איז געגעבן געוואָרן דער ציוניסטישער פעדעראַציע אויפן דריטן טאָג פון אָנקום פון ציר, אויף צו באַווייזן

איר מאָס פאַראַנטוואָרטלעכקייט און איבערצייגונג ווי אַזוי עס דאַרפן אויפגענומען ווערן פליכטן און אויפגאַבן אין אונדזער ישוב לגבי מדינת ישראל.

געשאַנק פון אַ פּערמאַנענטע רעזידענץ פאַר דער ציונות

ווי לעכערלעך עס זאָל ניט אויסקוקן — אויב מען וויל, אפילו קליינשטעטלדיק, — האָבן זיך גלייך אַרויסגעוויזן צוויי באַזונדערע צוגאַנגען צו דער פראַגע ווי אַזוי עס דאַרף קאָאָפּערירט ווערן מיט מדינת ישראל און דער ציונות דאָהי.

אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשאַפן אויף דער איניציאַטיוו פון דער פאַרשטייערשאַפט פון דער יידישער אַגענטור האָט באַשלאָסן צו זאַמלען אַ נישטיקן סכום כדי באַצאָלן דירה-געלד פאַר אַ יאָר אָדער צוויי פאַר דער רעזידענץ פון ציר ישראל. די טענה איז געווען אַן אַלטע און באַקאַנטע אַז אין „די היינטיקע שווערע באַדינגונגען" איז אומעגלעך צו שאַפן די נויטיקע סומע כדי קויפן אַ הויז פאַר דער רעזידענץ פון אַפיציעלן פאַרשטייער פון דער מדינה.

אויפן דריטן טאָג, האָט דער עקזעקוטיוו פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אויפגענומען אַפיציעל דעם ציר ישראל דר. יוסף קיסרי. די אויפנאַמע איז פאָרגעקומען אין דער הויז פון פרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, ח' לייב דולצין, דער היינטיקער מיטגליד פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ירושלים. אויף דער געשלאָסענער און חבריש אינטימער אויפנאַמע איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די ציוניסטישע פעדעראַציע נעמט איבער די אויפגאַבע פון קויפן אַ הויז פאַרן מיניסטער פון ישראל אין מעקסיקע.

דער באַשלוס, האָט באַקומען די פולסטע צושטימונג פון אַלע קרייזן אין ישוב ווי אויך פון אַלע ספרדיש-אַראַבישע, און דייטש-אונגאַרישע סעקטאָרן. אין געציילטע וואָכן איז געשאַפן געוואָרן דער נויטיקער סכום, און עס איז געקויפט געוואָרן אַ פּאַסיקע הויז וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אין נאָמען פון מעקסיקאַנער יידנטום, צו מדינת ישראל ווי אַ געשאַנק פאַר אַ פּערמאַנענטן וווין-אָרט פון אַפיציעלן פאַרשטייער פון מדינת ישראל אין מעקסיקע.

די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט באַוויזן מיט דעם אַקט איר לעבנס-פעאיקייט, וואָס איז געווען אַ פּראָדוקט פון גוטן-ווילן און דער גרייטקייט פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען וואָס האָבן איר צוזאַמענגעשטעלט, צו קאָאָפּערירן איינע מיט דער צווייטער.

די מחלקת העליה ביי דער ציוניסטישער פעדעראציע

עס זיינען פארויסגעזען געווארן פיל אקטיוויטעטן גלייך ביי די ערשטע טריט פון פעדערירטן און ארגאניזירטן ציוניזם אין מעקסיקע. עס איז ניט געלונגען צו ארגאניזירן דעם קולטור-דעפארטאמענט, צוליב פארשידענע טעמים. עס איז אויך ניט אויפגעשטעלט געווארן דער עקאנאמישער דעפארטאמענט. דערפאר אבער איז צושטאנדגעקומען די ארגאניזירונג פון דער מחלקת העליה ביי דער פעדעראציע.

די מחלקה איז צוזאמענגעשטעלט געווארן, לויט א באשלוס פון עקזעקוטיוו-פלענום, צו איין פארשטייער פון יעדער פארטיי, וויצ״א און פרויען-פיאנערן, און פינף פארשטייער פון די חלוצישע יוגנט-ארגאניזאציעס. די אלע האבן געהאט פולע רעכט, ווי גלייכבארעכטיקטע מיטגלידער, אין דער מחלקת העליה. עס זיינען נאך צוגעצויגן געווארן צוויי ווייטערע פארשטייער פון די פארבליבענע יוגנט-ארגאניזאציעס, וואס האבן ניט געהאט קיין פלאץ אין דער מחלקת העליה, צוטיילנדיק זיי נאר בעראטונגס-רעכט.

זאל דא, אין קלאמערן, אויפגעקלערט ווערן די פראגע פון די צוויי פרויען ארגאניזאציעס און זייער פאזיציע אין דער ציוניסטישער פעדעראציע. ביי דער ארגאניזירונג פון דער פעדעראציע, האט מען זיך ניט געקענט אויסגלייכן אין דער פראגע פון פלאץ וואס דארף צוגעטיילט ווערן די פרויען-ארגאניזאציעס. יעדע פארטיי, האט געפאדערט פאר איר פרויען ארגאניזאציע דעמזעלבן פלאץ, וואס מען האט געוואלט צוטיילן וויצ׳א און דער „פרויען-פיאנערן" ארגאניזאציע. אין דער צייט, ווען די וויצ׳א האט זיך פראקלאמירט פאר אן אפאליטישע אומאפהענגיקע ארגאניזאציע, אדער אפאליטישע קערפערשאפט, איז געווען קלאר, אז די „פרויען-פיאנערן" פארמירן א וועזנטלעכן און אומאפטיילבארן איינס פון דער פועלי-ציון באוועגונג. ווען מען האט געוואלט צוטיילן א זיץ-ארט אין דער פעדעראציע פאר וויצ׳א און „פרויען-פיאנערן", זיינען תמיד ארויפגעשווומען שוועריקייטן מיט אנדערע פארטייען.

ערשט אין לויף פון דער ארבעט אין דער פעדעראציע, אין די ערשטע חדשים פון איר ארגאניזירונג, האבן זיך די פארטייען ארומגעקוקט, אז עס וועט ניט זיין גוט פאר דער אלגעמיינער ציוניסטישער טעטיקייט אין מעקסיקע, אויב מען וועט אויסלאזן די צוויי גרויסע פרויען-ארגאניזאציעס פון וויצ׳א און „פרויען פיאנערן" פון דער פעדעראציע, און אזוי ארום האבן זיי באקומען זייער פלאץ אין דער עקזעקוטיווע, ווי יעדע פארטיי, מיט צוויי פארשטייערינס מיט אלע רעכט פון בעראטונג און שטימען, און איין פארשטייערין אין פרעזי-

דיום פון דער פעדעראציע אבער אָן רעכט פאַר אַ „וועטאָ"־דערקלע־רונג, וואָס האָט געצווונגען אַראָפּנעמען אַ פּראָבלעם פון טאָג־אָרדנונג.

מיר וועלן זיך באַלד צוריקקערן צו דער פּראָבלעם פון „וועטאָ", וואָס איז זיכער אַ ספּעציפיש־מעקסיקאַנישע ציוניסטישע יצירה אין דער אַלוועלטלעכער באַוועגונג, אויפקלערענדיק דעם פאַרוואָס פון איר אַנטשטייאונג און דעם אופן פון איר פונקציאָנירונג ווי אויך די רעזול־טאַטן וואָס זי האָט למעשה געבראַכט לטובת דער טאָגטעגלעכער אַר־בעט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע.

עס איז אויך צוגעטיילט געוואָרן אַ פּלאַץ אין עקזעקוטיוו, פאַר צוויי פאָרשטייער און איין פאַרטרעטער פון דער ציוניסטישער יוגנט־פעדעראַציע, מיט באַראַטונגס און שטים רעכט, אָבער אין פּרעזידיום איז געזעסן דער פּרעזידענט פון דער יוגנט פעדעראַציע נאָר מיט באַ־ראַטונגס־רעכט.

די מחלקת העליה האָט זיך פאַרמירט אויף איר ערשטער זיצונג אין דער פאָלגנדער פאָרם:

פאָרזיצער — מפ"ם.

וויצע־פאָרזיצער — פּועלי־ציון.

גענעראַל־סעקרעטאַר — אַלגעמיינע ציוניסטן.

קאַסירער — רעוויזיאָניסטן.

פינאַנץ־סעקרעטאַר — ציוניסטישע יוגנט־פעדעראַציע.

און מיטגלידער פון פּרעזידיום צו איין פאָרשטייער פון די פאַר־בליבענע פּאַרטייען, פּרויען־אָרגאַניזאַציעס און יוגנט־גרופּירונגען.

די מחלקת העליה האָט אַנטוויקלט זייער אַ פאַרצווייגטע טעטי־קייט, און אין לויף פון איר עקזיסטענץ זיינען עולה־געווען קיין ישראל 51 חלוצישע עולים ווי אויך מיטלשטאַנד, וועלכע האָבן זיך פאַרטיילט אין דער פאָלגנדער פאָרם:

מפ"ם און „השומר הצעיר" — 45 עולים.

מיטלשטאַנד — 3 עולים.

הנוער הציוני — 1 עולה.

נועם — 1 עולה.

פון דער עליה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין סעפּטעמבער 1954, אַרום אַ יאָר נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַ־ציע, איז אַ געוויסער טייל צוריקגעקומען ווי „יורדים". עס זיינען גע־ווען פאַרשידענע סיבות וואָס האָבן דערצו גורם געווען, און דער עיקר, וואָס די עליה איז געווען אויסשליסלעך אַ קיבוצישע, און געוויסע משפחות פון די עולים, האָבן ניט געקענט זיך צופּאַסן צו דער קיבוצי־שער ווירקלעכקייט און אירע פאָדערונגען. די לייכטזיניקע מענטשן זיי־

נען אפגעפאלן, ווי עס איז געווען תמיד דער פאל אין דער חלוצישער באוועגונג, און נאר דער בעסערער מאטעריאל מענטשן, די אידעאיש איבערצייגטערע און די גייסטיק צוגעגרייטע, זיינען פארבליבן אין ישראל, און צום גליק זיינען זיי געווען דער רוב בנין ומנין פון דער מעקסיקאנער עליה.

איינע פון די הויפט־פראבלעמען פון דער מחלקת העליה איז געווען די פינאנסירונג פון די עולים.

עס איז א פאלשע איינשטעלונג אין דער וועלט, אז דער מעקסי־קאנער ישוב איז צוזאמענגעשטעלט כמעט אינגאנצן פון פארמעגלעכע מענטשן. מעקסיקע איז א יידישער ישוב ווי אלע אנדערע, מיט דעם אונטערשיד, וואס די צאל פארמעגלעכערע יידן איז ביי אים גרעסער ווי אין אנדערע ערטער פון די תפוצות. עס איז ביז היינט אויך ניט צו פארצייכענען אן ארבעטער־שיכט אין היגן ישוב, טראצדעם וואס עס הייבט זיך אן אויסשיילן אין דער לעצטער תקופה א גרעסערע שיכט פראפעסיאנאלן, לערער, אנגעשטעלטע און אויך ארבעטער. דערצו דארף נאך צוגעגעבן ווערן די געזעלשאפטלעך־פאליטישע רייפקייט און עסקנישע רירעוודיקייט, וועלכע איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דער מעקסיקאנער יידישער באפעלקערונג. די אלע עלעמענטן צוזאמען, האבן געשאפן דעם איינדרוק, אז דער מעקסיקאנער יוגנטלעכער, ווען ער איז עולה, האט ער פון אלעם גוטן, און ער נויטיקט זיך ניט אין דער הילף, און הלוואה אויף הוצאות פון דער יידישער אגענטור.

די פראבלעם איז אבער פיל אומפאסנדיקער. א גרויסער טייל פון היגן ישוב איז א נידעריקער מיטלשטאנד. אפשר א העלפט, אויב ניט וויניקער, שטעלט מיט זיך פאר דעם דורכשניט־מיטלשטאנד און דעם העכערן מיטלשטאנד, וואס שטייט ערגעץ־ווו אויפן ראנד פון גרוים־קאפיטאל.

די קינדער פאר עליה קומען ספעציעל פון נידעריקערן און מיטע־לערן מיטלשטאנד. עס איז ריכטיק אז אויך די יידן לעבן זיך באקוועם, און ווילן ניט, אז זייערע קינדער זאלן פון זיי אוועקפארן. די פראבלעם פון „תכלית”, א „קאריערע”, און פאר מיידלעך א צוגעיאגטע חתונה, איז דער גאנצער זין אין לעבן פון די עלטערן און פון זייער באגריף וועגן „האבן נחת” פון די קינדער. די גרעסטע טייל פון קינדער, ראנגלט זיך אין דער היים, — פונקט ווי עס איז געווען אין דער ערשטער תקופה פון „השומר הצעיר” און „החלוץ” אין די צוואנציקער, און אנהייב דרייסיקער יארן אין פוילן, — מיט די עלטערן און זייערע איינשטעלונגען מכוח פערזענלעכן איינטייל אין אקט פון ציוניסטישער פארווירקלעכונג. די לאגע איז כאראקטעריסטיש פאר עלטערן, גוטע

ציוניסטן, באַוווסטזיניקע, וואָס האָבן מיט אַלע כשרע, און ניט כשרע, מיטלען צוריקגעהאַלטן זייערע קינדער פון ערשטן פאַרווירקלעכונגס-טראָט: די הכשרה.

איז ניט קיין ווונדער, וואָס זייער אַפּט גייען קינדער אַוועק אויף הכשרה און עליה, און די ברכה און הילף פון די עלטערן ווערן זיי אָפּגעזאָגט. ביי די באַדינגונגען, — און ווען מען רעדט אַזוי פיל וועגן דער נויטווענדיקייט דורכצוברעכן די אייזערנע וואַנט פון דער קעגנערשאַפט צו עליה, און ווער רעדט נאָך חלוצישער עליה(!), אין די אַמעריקאַנער ישובים, — איז אפשר דאָס געבן הילף פאַר עליה צו חלוצים פון מערב, פון העכערער נאַציאָנאַל-דערציערישער וויכטיקייט, ווי הילף סתם-עולים פון אַנדערע טיילן פון דער וועלט. געוויס, מיר ווילן ניט אָנווענדן די דעפיניציע לגבי אַ רעטונגס-עליה פון די אַראַבישע לענדער, אָדער די גרויסע פּוילישע עליה, וועלכע גייט אָן אין מאָמענט ווען עס ווערן געשריבן די שורות (יאַנואַר 1957). מיר זיינען אָבער איבערצייגט, אַז נאָר די חלוציש-ציוניסטישע באַוועגונג אין די אַמעריקעס וועט בייטן די איינשטעלונג און די פּסיכאָלאָגיע פון אַמעריקאַנעם יידנטום און וועט אים ווייזן דעם וועג **ניט נאָר פאַר העלפן עולים, נאָר אַליין זיך אַריינפלעכטן אין דער מחנה פון פאַרווירקלעכער!**

די מחלקת העליה ביי דער ציוניסטישער פעדעראַציע האָט דערווייל אַנגעפירט אַ ביטערע דיסקוסיע מיט די אינסטאַנצן פון דער יידישער אַגענטור, כדי זיי איבערצייגן אַז מיר קענען ניט אין מעקסיקע פירן דערפאָלגרייכע אַקציעס פאַר „קרן היסוד המגבית המאוחדת", פאַר „קרן הקימת לישראל", און לעצטנס פאַר „קרן מגן" ווי אויך פאַר די „אגרות", און אין דערזעלבער צייט פירן זייטיקע קאַמפּיינען פאַרן אייגענעם בודזשעט פון דער פעדעראַציע, פאַר די עליה-נויטן, פאַר פּאָליטישער און אויפקלערונגס-טעטיקייט, פאַר קולטור-און-דערציאונגס אויפגאַבן, און פאַר פלעגן די טעטיקייט פון „אינסטיטוט פאַר קולטור-אויסטויש — מעקסיקע-ישראל", שוין ניט רעדנדיק וועגן פאַרשידענע קלענערע טאָגטעגלעכע אויפגאַבן, וואָס האָבן זייער וויכטיקייט פאַרן גוטן גאַנג און אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער אַקטיוויטעט אין מעקסיקע. אין דעם פרט זיינען מיר געווען זייער „אַרעם", ווייל מיר האָבן ניט געהאַט קיין פיזישע מעגלעכקייטן אויסצוטראָגןביידע זייטן פון אונדזערע לאָקאַל-ציוניסטישע און אַל-וועלטלעכע-נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. איינס האָט געמוזט ליידן, און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס מוז ליידן דער לאָקאַלער מאָמענט אויפן חשבון פון ווידמען אונדזערע גאַנצע ענערגיעס פאַר מדינת ישראל און דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג.

אין לויף פון די פארגאנגענע דריי-און-א-האלב יאר, האבן מיר אויפ־געהויבן דעם ביימראג פאר דער עליה פון קיין שום הילף, צו א ביימראג פון 150.00 דל׳ פאר יעדן עולה בוגר און 100.00 דל׳ פאר יעדעם קינד פון א משפחה אונטער דרייצן יאר. דערנאך האט איבער־גענומען די צאלונגען פאר דער עליה די מחלקת העליה פון דער יידישער אגענטור אין ניו-יארק, ביימראגנדיק פון איר זייט, פון צייט־צו-צייט, צוגאב-סכומים פאר די חלוצים פון מעקסיקע. דערנאך איז אנערקענט געווארן די סומע פון 200.00 דאלאר פאר יעדן עולה, און דא לעצטנס, מיט אייניקע חדשים צוריק, איז אויף דער צודרינגלעכ־קייט פון דער מחלקת העליה פון דער ציונ. פעדעראציע, באַ־קומען געווארן א פאזיטיווער ענטפער וועלכער האט איינגעשטעלט א פולן אפצאל פאר די עולים פון מעקסיקע, א ווו עס ווערט זיי באַ־צאלט די רייזע פון מעקסיקע קיין ניו-יארק מיטן אויטאבוס און דער־נאך ווערט זיי איבערגעגעבן א שיפס-קארט אין דער מחלקת העליה פון דער סוכנות אין ניו-יארק, פאר זייער רייזע קיין ישראל.

דער לעצטער באשלוס פון דער מחלקת העליה אין ירושלים, האט איינמאל און פאר אלעמאל באוויזן די ריכטיקייט פון דער שטעלונג פון דער מעקסיקאנער ציוניסטישער פעדעראציע און איר מחלקת העליה, אז מיר זיינען בארעכטיקט אזוי ווי אנדערע לענדער אויף פולער שטיצע פאר עליה, ווייל אין פראפארץ, שטייט מעקסיקע אויף איינעם פון די ערשטע פלעצער פון דער ציוני סטישער וועלט מפה, אין אירע ביימראגן און הילף, ווי אויך עמוירדזשענסי-קאמפיינען, לטובת מדינת ישראל. דערמיט זיינען אויך אפגעווארפן געווארן געוויסע אינ־סינואציעס וועלכע זיינען געמאכט געווארן, מכוח דאפלטע ביימראגן וואס זיינען געמאכט געווארן פאר געוויסע חלוצים פון מעקסיקע, סיי דאהי ווי אויך אין ניו-יארק. עס איז נאר געווען א רעזולטאט פון די אומצייליקע שוועריקייטן מיט וועלכע עס פלעגן זיך אנטרעפן מעק־סיקאנער חלוצים, ווען זיי זיינען עולה-געווען קיין ישראל, אין גארניט קיין געהויבענע פערזענלעכע באדינגונגען, און זיי האבן נאך גע־דארפט דעקן דעם אונטערשיד פון די הוצאות, וואס אין דער ערשטער תקופה איז נאר ביי 35 פראצענט בערך זיי געדעקט געווארן פון דער מחלקת העליה און די איבעריקע סכומים האבן זיי אליין געמוזט ביי־טראגן.

די מחלקת העליה אין מעקסיקע, דער עקזעקוטיוו ווי אויך דער פרע־זידיום פון דער פעדעראציע, האבן אין פילע זיצונגען אויסגעהערט פולע באריכטן וועגן די אנגעלעגנהייט, און געקומען כסדר צו איינ־שטימיקע באשלוסן, אז די מחלקת העליה אין ירושלים שאצט ניט אפ ווי געהעריק אונדזערע עליה-נויטן און ציט ארוים די ניט-ריכטיקע

מסקנות פון אַ לאַגע, וועלכע זי האָט ניט געוואָלט, אָדער ניט געקענט באַנעמען, און דערמיט געבראַכט זייער פיל אומאַנגענעמלעכקייטן דער היגער ציוניסטישער פעדעראַציע און אירע צענטראַלע מנהיגים.

ווי געזאָגט, האָט די מעזע פון דער מעקסיקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע געוואונען פולקאַם, און מיר געפינען זיך אין היינטיקן מאָמענט אין אַ ביז גאַר פּריווילעגירטער סיטואַציע, אַ ווו עס שטייט ניט מער פאַר אונדז די שווערקייט פון מיטלען, נאָר די אויפגאַבע צו דערציען די היגע יוגנט, כדי זי זאָל זיין גרייט אויסצונוצן די מיטלען וועלכע שטייען צו איר דיספּאָזיציע.

אָבער וועגן דעם, אין קאַפּיטל פון דער „ציוניסטישער יוגנט פעדעראַציע אין מעקסיקע".

מדריכים

דער גרויסער אויפטו פון שאַפן אַ „מכון למדריכים בגולה", וועלכער נעמט אויף יאָר-יערלעך צענדליקער יוגנטלעכע פון די בעסטע און פעאיקסטע אין יעדן לאַנד, וואָס ווערן סעלעקציאָנירט דורך די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, מיט דער צושטימונג פון די אָרטיקע ציוניסטישע פעדעראַציעס זייערע מחלקות פאַר נוער און החלוץ, האָט געגעבן זיינע וויכטיקע רעזולטאַטן אויך אין דערווירקלעכקייט פון מעקסיקאַנער ציוניסטישער יוגנט-אַרבעט. די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס זיינען מיט יעדן יאָר מער און מער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „חי-נושא-את-עצמו", אַרויסגעבנדיק פון דער אייגענער סביבה יוגנטלעכע, וואָס זיינען געוואָרן די דערציער צו חלוציות און הגשמה אין ישראל. אין לויף פון דער צייט, איז אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע דורכגעגאַנגען אַן אינטענסיוון קורס פון דערציונג, געשיכטע, ידיעת הארץ, תולדות הציונות א. אַ. וו. אין מדריכים-אינסטיטוט פון ישראל, און דאָס וויכטיקסטע, זיי האָבן געלעבט אַ יאָר אין ישראל און זיי זיינען צוריקגעקומען מיט גרינטלעכע קענטענישן פון דער העברעאישער שפּראַך און אַזוי אַרום געוואָרן ישראל-שליחים אין די לענדער פון גלות.

די אינסטיטוציע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אויסערגעוויינלעך וויכטיק פאַר דער ציוניסטיש-חלוצישער דערציונג. די מחלקת הנוער והחלוץ אין מעקסיקע, — וועלכע איז געווען די זעלבע ווי די מחלקת העליה, האָבנדיק קאָנצענטרירט אַלע פראַגן פון יוגנט, הכשרה און עליה אין איין דעפּאַרטאַמענט, — האָט זייער פיל בייגעטראָגן, אַז די יוגנטלעכע וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן צו פאָרן קיין ישראל, זאָלן זיין ווי געהעריק צוגעגרייט און פעאיק צו פאַרנעמען זייער

פלאַץ אַלס מדריכים נאָך אַ יאָר לעבן און לערנען אין ישראל, אַז די מעקסיקאַנער יוגנט זאָל קענען גענײסן פון זייערע קענטענישן.

אין דער ערשטער תקופה, האָבן זיך איבערגעחזר'ט אין פאַל פון די מדריכים דיזעלבע שוועריקייטן וואָס זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער היגער ציונ. די היגע ציוניסטישע באַוועגונג, האָט געמוזט נעמען אויף זיך די רייזע הוצאות פון די מדריכים, אַ זאַך וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער פינאַנציעלער התחיבות יאָר-יערלעך. ווען די ציוניסטישע פעדעראַציע איז אַנטשטאַנען, האָט זי אין דער ערשטער תקופה אויסגעפועלט, אַז זי וועט צאָלן נאָר די רייזע-הוצאות קיין ישראל, און דער אויפהאַלט ווי אויך די צוריקרייזע וועט צאָלן די יידישע אַגענטור. ערשט אין דער לעצטער תקופה איז דערגרייכט געוואָרן אַן אָפּמאַך מיט דער מחלקת הנוער והחלוץ אין ירושלים, אַז די גאַנצע רייזע הוצאות און אויפהאַלט פון די מדריכים, ווערן געדעקט דורך דער סוכנות.

דאָס האָט דערמעגלעכט, אַז עס זאָלן איינגעפירט ווערן בעסערע נאָרמעס פאַר דער קאָנטראָל פון די אַרויסגעשיקטע מדריכים. עס איז איינגעפירט געוואָרן אַן עקזאַמען פון די קאַנדידאַטן וועלכע ווערן רעקאָמענדירט פון די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, און יעדער קאַנדידאַט מוז דערגרייכן אַ מינימום-קוואַליפיקאַציע צו באַקומען די רעכט צו פאָרן אין „מכון למדריכים בגולה”.

די אינסטיטוציע פון מדריכים האָט בכלל דערנעענטערט ישראל און איר ווירקלעכקייט צו דער יוגנט פון די תפוצות. מדינת ישראל, די קיבוצישע באַוועגונג, די פעלדער פון אבות-לאַנד, ליגן „זייער נאָענט” פון טאָגטעגלעכן אינטערעס פון דער יידישער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער יוגנט אין מעקסיקע.

ש ח ״ ם

אַרט פאָרן 24-טן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו צו אָרגאַניזירן די מאָביליזירונג פון דער היגער יוגנט אויף צוויי יאָר דינסט אין די גרענעץ-קיבוצים פון ישראל. דאָס איז דער באַדייט פון נאָמען „שירות חירום” (שח״ם) וואָס מיינט „עמערגענץ-דינסט”.

די פונקציעס פון שח'ם זיינען נאָך דאַן ניט געווען גענוי דעפינירט און דער אַלגעמיינער איינדרוק איז געווען, אַז דאָס איז ענג פאַרבונדן מיט פאַרטיידיקונגס-דינסט. ביים ערשטן פּרוּוו פון אויפשטעלן

די אָרגאַניזאַציע, איז פאַרגעקומען דער 24-ער ציוניסטישער קאָנגרעס, און אַ וועזנטלעכע טייל פון דער היגער ציוניסטישער פירערשאַפט איז אַרויסגעפאָרן צום קאָנגרעס. אַזוי אַרום איז איבערגעריסן געוואָרן דער ערשטער פרווו צו רעאַליזירן דעם געדאַנק פון שח״ם.

אין דער לעצטער צייט, מיטן אָנקום פון אַ ספּעציעלן שליח פון דער סוכנות (שבתי דינר) פאַר פראַגן פון שח״ם, מדריכים און פאַטוו׳א, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פרווו פאַר אָרגאַניזירן די אינסטיטוציע פון שח״ם אויך אין מעקסיקע.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס עס איז דעפינירט געוואָרן געניי די פונקציאָנירונג פון שח״ם, וואָס איז היינט ענג פאַרבונדן מיט דינסט אין די גרענעץ־ישובים אויסשליסלעך. די מאָביליזירונג פון יוגנט פאַר איין יאָר אַרבעטן אין דאָרף, לעבן אין ישראל און זיך באַקענען מיט דערווירקלעכקייט פון לאַנד, קען ווערן אַ גרויסע טראָג־קראַפט ביים באַוווינען די יוגנט צוריק פאָרן קיין ישראל, אָדער גלייך פאַרבלייבן אין לאַנד. די יידישע אַגענטור טראָגט ביי אַלע הוצאות פון דער רייזע און די גרענעץ־ישובים האַלטן אויס ביי זיך די יוגנט פון שח״ם, וואָס פאַרדינען זייער אויסהאַלט דורך דער אַרבעט וואָס זיי לייסטן אויפן פעלד, אין בוי, היגער־שטייג, שטאַל אָדער אין די ציטרוסן־פּלאַנטאַציעס.

עס איז צו האָפן, אַז שח״ם וועט ווערן אַ דערציערישע רעאַליטעט אויך ביי דער יידישער מעקסיקאַנער יוגנט ווי אין געוויסע לענדער אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט און אויך אַנדערע יבשות.

פ א ט ו ו ׳ א

די פונקציע פון „פאַטוו׳א״ איז איבערגעגעבן געוואָרן דער ציוניסטישער פעדעראַציע, מיטן באַזוך פון ח׳ בן־שלום, דירעקטאָר פון דער מחלקת הנוער והחלוץ אין ירושלים, מיט אַ יאָר צוריק בערך. צוליב מאַנגל אין מענטשן פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַ ספּעציעלן דעפּאַרטמענט אין דער פעדעראַציע, און ווייל פאַטוו׳א ווערט אָנגעפירט דורך דער מחלקת הנוער והחלוץ אין ירושלים, מיט וועלכער עס איז ענג פאַרבונדן די מחלקת העליה, הנוער והחלוץ אין מעקסיקע, איז די פונקציע פון פאַטוו׳א איבערגעגעבן געוואָרן אויך דער מחלקת העליה אין מעקסיקע.

דאָס קומולירן פון פונקציעס אין איין אָפּטיילונג, — אגב, די איינ־

ציקע אַפּטיילונג וואָס איז געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער פע־דעראַציע ווי אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט, — האָט ניט בייגע־טראָגן צום דערפאָלג פון דער אַרבעט פאַר פאַטוו׳א אין דער לעצטער תקופה.

געווים זיינען געווען טעכנישע שוועריקייטן ווי אויך אָרגאַניזאַציאָ־נעלע. די מחלקת העליה האָט געהאַט אַ גאַנצע צייט פיל אַרבעט אַרום דער חלוצישער עליה פון מעקסיקע, וועלכע האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון היגן ציוניזם אַנגענומען אַ געוויסן מאַסן־כאַראַקטער. פון דער צווייטער זייט, איז גלייך נאָכן איבערנעמען די פונקציעס פון פאַטוו׳א געטאָן געוואָרן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט אי־נערהאַלב דער מחלקת עליה און ביי די מיטגלידער פון עקזעקוטיוו און פּרעזידיום פון דער פעדעראַציע, ווייל דער נאָמען אליין, און די פונקציעס פון דער אינסטיטוציע, זיינען געווען אינגאַנצן ניי און אומבאַקאַנט פאַר דער ווייט־גרעסטער מערהייט פון דער ציוניסטי־שער פירערשאַפט דאָהי, טראָצדעם וואָס די אינסטיטוציע האָט שוין פאַר אייניקע יאָר געפירט אַ טעטיקייט מיט אַ געוויסן דערפאָלג אין די לענדער פון אייראָפּע, ספּעציעל אין ענגלאַנד.

אָבער גלייך דערנאָך איז אַריינגעקומען די תקופה פון וואַלן, צום 24-טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט ליידער פאַרנומען זייער פיל צייט און צוגערויבט די גאַנצע ענערגיעס אין לויף פון וואָכן און חדשים. דערנאָך איז געקומען דער קאָנגרעס און די אָפּשוואַכונג פון דער גאַנצער ציוניסטישער אַקטיוויטעט אין מעקסיקע.

די פּראָבלעם אָבער פון פאַטוו׳א איז אין די מעקסיקאַנער באַ־דינגונגען אַ פיל קאָמפּליצירטערע. עס קומען אַן מעלדונגען דורך פאַטוו׳א, וועגן פאַרשידענע אַרבעטס־פּלעצער פאַר ספּעציאַליסטן און אַקאַדעמיקער־פּראָפעסיאָנאַלן וואָס זיינען וואַקאַנט אין ישראל, אָבער ניט אַלעמאָל געפינען זיך גראָד אין מעקסיקע די טעכניקער און פּראָ־פעסיאָנאַלן וועלכע זיינען נויטיק אויף די געגעבענע אָנבאָטן.

די צווייטע טעטיקייט פון פאַטוו׳א, וואָס איז דאָ אָנגעהויבן גע־וואָרן פאַר דער ערשטער תקופה איז געווען צו פאַראינטערעסירן מיט דער אויפגאַבע די צוויי אַקאַדעמישע אָרגאַניזאַציעס וועלכע עקזיס־טירן אין מעקסיקע:

1. „ארם מעדיצי״ — די אָרגאַניזאַציע פון די גראַדואירטע און שוין פּראַקטיצירנדע מעדיקער.

2. „טכניון״ — די אָרגאַניזאַציע פון גראַדואירטע אינזשיניערן און אַרכיטעקטן, וואָס האָט מלכתחילה געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו טאָן אַרבעט נאָר לטובת דעם חיפהער טעכניקום, אָבער האָט דערנאָך

זיך פאַרנומען אויך מיט די לאָקאַלע פּראָבלעמען מיט וועלכע עס שטויסן זיך אָן זיינע אַנגעשלאָסענע מיטגלידער.

לײַדער, איז אָנגעקומען זייער שווער זיך צו פאַרבונדן מיט די פאַרשטייער פון די אָרגאַניזאַציעס, און ווען עס איז שוין פאַרגעקומען אַזאַ פאַרבינדונג, האָט זי ניט געהאַט קיין המשך. עס האָט זיך גע־נויטיקט אַ פּערמאַנענטער דרוק אויף די צוויי אָרגאַניזאַציעס, אָבער דאָס, אין די געגעבענע טעכנישע באַדינגונגען און באַגרענעצטן פּער־סאָנאַל פון דער פעדעראַציע, איז געווען אומעגלעך דורכצופירן מיט דערפאָלג.

פון דער צווייטער זייט, זיינען געווען אָנבאָטן פאַר פּאַטוו׳א פון היגע מעדיקער, וואָס האָבן געוואָלט איבערפאָרן קיין ישראל זיך דאָרט צו באַזעצן. דאָס איז געווען אין אַ געוויסער מאָס פאַרבונדן מיט די אָנבאָטן וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן צו די היגע מעדיקער דורך ה׳ יצחק קאַנעוו, דער לייטער פון דער „קופּת-חולים" אין ישראל ביי זיין וויילן אין מעקסיקע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ טיפער אונטערשיד און אַ פונאַנדערלויף אין די באַדינגונגען וואָס עס האָט פאָרגעלעגט „קופּת חולים" פאַר מעדיקער און וואָס פּאַטוו׳א האָט פאָרזיכערט. אין דער צייט ווען עס זיינען צוגעזאָגט געוואָרן די מעדיקער הויכע געהאַלטן און דירות ווי אויך מעגלעכקייטן צו אַרבעטן אין זייער ספּעציאַליטעט דורך „קופּת-חולים", איז די פּאַטוו״א געווען זייער צוריקגעהאַלטן אויף געבן אַזעלכע באַדינגונגען. גאָר גרויסע געהאַלטן זיינען צוגעזאָגט געוואָרן דורך „קופּת-חולים" פאַר די מעדיקער וואָס וועלן זיך באַזעצן אין דאָרף.

אויף דעם לאַטײַנאַמעריקאַנישן עמערגענץ-כינוס אין מאָנטעווי־דעאָ — אורוגוויי, אין מערץ 1956, אַ ווו דער שרייבער פון די שורות איז געווען אַ דעלעגאַט פון מעקסיקע, זיינען ביי דער „עליה און מיטל־שטאַנד קאָמיסיע" געמאַכט געוואָרן פעסטשטעלונגען, אפילו מכוח מעדיקער-אַרבעט אין ישראל, וואָס זיינען געווען אין פולקאָמען קעגנ־זאַץ צו דעם וואָס עס זיינען געמאַכט געוואָרן אין מעקסיקע דורך אויטאָריזירטע פּערזאָנען. עס איז געקומען, אין אַ געוויסן מאָמענט, צו אַ העפטיקן מיינונגס-אויסטויש וועגן דער פראַגע. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ביידע מיינונגען זיינען געווען „ריכטיק". אין אַרגענטינע זיינען געמאַכט געוואָרן אַנדערע פאָרשלאָגן און אין מעק־סיקע פונקט היפּוכדיקע.

צודעם אַלעם זיינען נאָך צוגעקומען די שוועריקייטן פון די באַ־דינגונגען, וואָס עס האָבן געשטעלט די געציילטע קאַנדידאַטן פון מעקסיקע, וועלכע זיינען געווען גרייט צו פאָרן קיין ישראל. יעדער איינער איז ספּעציאַליזירט, וויל ער אַרבעטן אין זיין ספּעציאַליטעט.

יעדער איינער איז אַ פאַמיליע־מאַן, וויל ער זיין זיכער מיט אַ פּאַסי־קער דירה. קיינער וויל ניט גיין אין דאָרף. אַלע זוכן פּאַסטנס אין די שטעט און גוטע לוינען. און ווען מען וואלט שוין דאָס אַלץ צוגעזאָגט, שטייט נאָך אַלץ אונטער אַ פראַגע־צייכן ווייל דאָס פאָרן אַליין איז גיכער אַ פראָבע וואָס ווען עס ווייזן זיך אַרויס די ערשטע שוועריקייטן, איז מען גרייט פון פאָרויס זיך צו פאַרזיכערן דעם צוריקער קיין מעקסיקע.

אין די באַדינגונגען פון פאַטוו׳א איז דאָס פאָרן אויף אַ יאָר אָדער צוויי יאָר אין פאָרויסגעזעענעם פלאַן, אָבער די פאָדערונגען פאַר צו־געפּאַסטע באַדינגונגען זיינען אַזעלכע, וואָס איינער דערגרייכט, אפילו אין דער ווירקלעכקייט פון רייכן מעקסיקע און בכלל אַמעריקע, נאָר נאָך אַ געוויסער צייט פון צופּאַסונג און אַריינדרינגען אין דער גע־זעלשאַפט, אַ ווו מען הייבט אָן אַרבעטן.

דאָס זיינען נאָר אייניקע פּראָבלעמען פון פאַטוו׳א מיט וועלכע די מחלקת העליה הנוער והחלוץ האָט זיך אָנגעטראָפן, אָבער זיי זיינען געוויס אָפּצושפּיגלען דעם פאַקט, אַז די פּראָבלעם פון פאַטוו׳א איז זייער אַ קאָמפּליצירטע און מוז באַקומען אין מעקסיקע, ווי בכלל אין לאַטיין־אַמעריקע, אַ ספּעציפישע באַהאַנדלונג. מען מוז זוכן וועגן ווי אַזוי אויפצוקלערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און לעבנס־פאָרמען פון מדינת ישראל, ווי אויך געפינען פּאַסיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פאַר צוזאַמענשטעלן די ערשטע גרופּע מעדיקער און פּראָפעסיאָנאַלן, אַרבעטן מיט זיי אַ געוויסע צייט אין ספּעציעלע צוזאַמענקונפטן, כדי אויפקלערן די פּראָבלעמען פון דער מדינה, זיי לערנען עברית, און בכלל צוגרייטן פּסיכיש צו דער אַנדערשדיקער רעאַליטעט פון דער מדינה, וואָס מען מוז איר קענען און זיין גרייט צו איר זיך צופּאַסן.

אין דעם נייעם אַרבעטס־פּראָיעקט פאַר דער ציוניסטישער פע־דעראַציע, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורכן גענעראַל־סעקרעטאַ־ריאַט, ווערט פאָרויסגעזען אַ ספּעציעלע מחלקה פאַר פאַטוו׳א, וואָס וועט אַרבעטן אויטאָנאָם. דאָס, צוזאַמען מיט דער אָנוועזנהייט פון שליח פאַר פאַטוו׳א, וועט זיכער געבן אַ מעגלעכקייט צו דערגרייכן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פאַר דער עליה פון אַקאַדעמיע פּראָפעסיאָ־נאַלן און אַנדערע ספּעציאַליזירטע טעכניקער פון מעקסיקע קיין מדינת ישראל.

עקאָנאָמישע אַקטיוויטעט, אינוועסטיציעס און מיטלשטאַנד־עליה

טראָצדעם וואָס עס איז ניט אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער מדינת ישראל.

אַרבעטס-תקופה, קיין דעפּאַרטאַמענט פאַר עקאָנאָמישער אַקטיווי־טעט ביי דער ציוניסטישער פעדעראַציע, איז דאָך צו פאַרצייכענען, אין דער לעצטער תקופה, אַן אויפשטייג פון אינוועסטיציעס אין די עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען פון מדינת ישראל, אָדער דורך אויפ־בוי פון נייע אינדוסטריעס, איינקויף פון פּרדסים, פלעצער, די שטאַט־ברנע-אַקציעס און בוי-אינדוסטריעס פון מעקסיקאַנער יידנטום.

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אומדירעקט בייגעטראָגן פאַר דעם אויפשטייג פון אינוועסטיציעס אין מעקסיקע, טראָצדעם וואָס דירעקט האָט זי מיט דער אַקטיוויטעט ניט אָנגעפירט. פּריוואַטע גרופּן האָבן זייער אָפט בייגעטראָגן מיט זייער איניציאַטיוו. עס איז אויך געווען טעטיק אויף דעם געביט די היגע האַנדלס-קאַמער מעק־סיקע-ישראל.

אָבער עס דאַרף קלאָר זיין, אַז אַלע שליחים, אַלע פאַראינטע־רעסירטע אין פאַרקויף פון אַקציעס אָדער צו פאַראינטערעסירן קאַ־פּיטאַליסטן פאַר אינוועסטיע אין די אָדער אַנדערע אונטערנעמונגען אין מדינת ישראל, האָבן געהאַט איין אַדרעס: די ציוניסטישע פע־דעראַציע, די אָדער אַנדערע ציוניסטישע עסקנים, וועלכע שטייען אין צענטער פון ציוניסטישן לעבן און פון דער טעטיקייט אין דער ציו־ניסטישער פעדעראַציע.

עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ אָנגעבן דעם סכום פון די אינוועס־טיציעס וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר די לעצטע יאָרן פון מעקסיקאַנער יידן אין ישראל. עס וועט גענוגן אַז מיר וועלן פעסט־שטעלן, אַז די אינוועסטיציעס אין ישראל זיינען געמאַכט געוואָרן מיט גרויס פאַרנעם, און אַז גרויסע פּריוואַט-קאַפּיטאַלן זיינען ביז היינט בייגעטראָגן געוואָרן פאַרן עקאָנאָמישן וווקס פון דער מדינה אויף פאַרשידענע געביטן פון ווירטשאַפטלעכער אַקטיוויטעט.

די אינוועסטיציעס זיינען געמאַכט געוואָרן מייסטנס דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ ריי געזעלשאַפטן, וועלכע זיינען געווען — און זיינען נאָך היינט טיילוויז — טעטיק אין מעקסיקע. פון דער אַנדע־רער זייט, זיינען אויך פאַראַן פּריוואַטע אינוועסטירער וועלכע מיידן אויס אומוועגן, באַזוכן אַליין ישראל, און קומען אוממיטלבאַר אין קאָנטאַקט מיטן אינוועסטיציע אַמט און אַנדערע אַמטן אין ישראל, באַקומענדיק אַ דירעקטע באַהאַנדלונג פון די געהעריקע אינסטאַנצן אין דער מדינה.

ווי געזאָגט האָט די ציוניסטישע פעדעראַציע דירעקט מיט דער אַרבעט ניט אָנגעפירט, און עס האָט געפעלט די אינסטאַנץ וועלכע זאָל דירעקט באַאיינפלוסן און קאָאָרדינירן די אַרבעט, און פון וועל־כער די פאַראינטערעסירטע אין אינוועסטיציעס זאָלן קענען באַקו־

מען געניץ אינפארמאציעס, אנווייזונגען, קאנקרעטע פלענער, און ממשותדיקע שטיצע פאר דער רעאליזאציע פון זייערע פראיעקטן.

אין דער לעצטער צייט, נאכדעם ווי אונדזער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראציע, ח׳ לייב דולצין, איז אויסגעוויילט געווארן אלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, און ער איז באשטימט געווארן אלס לייטער פון דעם עקאנאמישן דעפאר־טאמענט און פון דער מיטלשטאנד־עליה, איז אויפגעעפנט געווארן אין מעקסיקע א ספעציעלע ביורא פון עקאנאמישן דעפארטאמענט פון דער יידישער אגענטור פאר דעם צענטראלן טייל פון דער אמע־ריקאנער יבשה. די ביורא געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון דר. יעקב אמיתי, וועלכער האט מיט דערפאלג אנגעפירט מיט דעם זעלבן אמט אין בוענאס־איירעס אלס פארטרעטער פון דעם עקאנאמישן דעפארטאמענט פאר דרום־אמעריקע.

עס איז צו דערווארטן אז די פארטרעטערשאפט פון דעם עקא־נאמישן דעפארטאמענט אין מעקסיקע, זייענדיק באוואפנט מיט א גרינטלעכער קענטעניש פון דער לאגע אין דער מדינה, אירע האנדלס־פראבלעמען, די אינדוסטריע־נויטן, די געזעצגעבונג, און פינאנציע־לע פראבלעמען פון דער מדינה אין אלגעמיינעם, און באקומענדיק שטענדיק פון ישראל אינפארמאציעס, פלענער און פארשלאגן, וועט זיכער געלונגען געפינען וועגן פאר פארשטארקן און פארברייטערן דעם אנטייל פון מעקסיקאנער יידנטום אין דער ישראלדיקער עקא־נאמיע, סיי דורך אינוועסטיציעס, און סיי דורך עליה פון מיטל־שטאנד. די אקטיוויטעטן וועלן געפונען די פולסטע אונטערשטיצונג פון דער ציוניסטישער פעדעראציע און פון די אין איר אנגעשלאסענע ארגאניזאציעס.

די ציוניסטישע יוגנט פעדעראציע

פון 1940 און ביזן סוף פון די פערציקער יארן, האט אין מעקסי־קע עקזיסטירט איין ציוניסטיש־חלוצישע יוגנט־ארגאניזאציע, דער „השומר הצעיר” און בית״ר. דער „השומר הצעיר” זייענדיק א טייל פון דער דעמאלדיקער „פאראייניקטער ציוניסטישער ארגא־ניזאציע”, האט באקומען די פולסטע שטיצע און הילף פון דער אר־גאניזירטער ציוניסטישער קערפערשאפט אין מעקסיקע. די ערשטע חכשרה אין מעקסיקע, האט געעפנט טאקע די יוגנט־ארגאניזאציע און די ערשטע עליה (אומלעגאל) איז געפארן פון „השומר הצעיר” אין יאר 1947, און א גרעסערע טייל פון דער גרופע האט איינטייל־

גענומען אין דער הערלאישער פאַרטיידיקונג פון „נגבה" קעגן די עגיפּ־טישע אינוואַזאָרן, ווי בכלל אין דער מלחמת העצמאות.

ערשט ביים סוף פון די פערציקער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן, צוזאמען מיט דער אידעאישער דיפערענצירונג אינערהאַלב דער ציוי־ניסטישער באַוועגונג דאָהי, דער פּראָצעס פון אויפקום פון נייע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ווי „הנוער הציוני", „בני עקיבא", „איחוד הנוער החלוצי" און שפּעטער נאָך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס ווי נוע'ם ספר־דישע דמשק'ער יוגנט־גרופּירונגען א. א.

דאָס איז געווען דער שליח פון דער יידישער אַגענטור און פון „השומר הצעיר", נסים כהן, וואָס האָט אין סוף פערציקער יאָרן, ביים גרינדונג פון דער ערשטער ציוניסטישער פעדעראַציע, געשאַפן אויך די יוגנט־פעדעראַציע פון אַלע באַוועגונגען אין מעקסיקע. די יוגנט־פעדעראַציע איז געווען טעטיק די גאַנצע יאָרן און איז אָנגעגאַנגען מיט איר טעטיקייט אָן איבעררייס.

די אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַרטיילט אין דער יוגנט־פעדעראַ־ציע אין צוויי גרופּן: חלוצישע און נישט־חלוצישע. עס איז געווען אַ צייט, ווען די חלוצישע גרופּירונגען האָבן געהאַט אַ באַזונדערע ראַט אינערהאַלב דער יוגנט־פעדעראַציע, און דאָס האָט אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט און די אויבערהאַנט פון דער חלוצישער דערציונג און די גרייטקייט פון עליה ביי אַ טייל אָרגאַניזאַציעס.

די פּראָבלעמען פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע זיינען געווען פאַר־שידנאַרטיקע, די הויפּט־פראַגן זיינען געווען די פּראָבלעמען פון די מדריכים, וואָס פלעגן אין די ערשטע יאָרן אויסגעוויילט ווערן אויס־שליסלעך אין דער יוגנט־פעדעראַציע, און דאָס געלד פאַר די הוצ־אות פלעגן געבן די ציוניסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן נישט גע־האַט דאַן קיין געמיינזאַמע פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַט. דער־נאָך איז די פראַגע פון מדריכים איבערגעגאַנגען צו דער ציונ. פע־דעראַציע, און איר מחלקת הנוער והחלוץ, אָבער די ערשטע טריט פאַרן אויסוואַל פון די מדריכים, מאַכט תמיד די יוגנט־פעדעראַציע.

עס איז געווען אַ צייט, ווען עס איז דערשינען אַ געמיינזאַמער אָרגאַן פון דער ציוניסטישער יוגנט, און עס איז געווען אַ תקופה אין וועלכער די יוגנט־פעדעראַציע איז געווען זייער וואַכזאַם פאַר אַלע פּראָבלעמען און טעטיק ביז גאָר.

אַן ענדערונג צום גוטן איז פאָרגעקומען מיטן באַזוך פון דעם דירעקטאָר פון דער מחלקה פאַר הנוער און החלוץ אין ירושלים, ח' בן־שלום, וועלכער האָט צוגעטיילט ספּעציעלע בודזשעטן פאַר אַלע יוגנט־גרופּירונגען, און דאָס האָט פאַרלייכטערט זייער אַרבעט. עס איז אמת, אַז די גרעסטע טייל יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, זיינען אָנגע־

שלאָסן אין זייערע רעספּעקטיווע אידעאישע פּאַרטייען, אָבער דאָך זיינען די פינאַנציעלע שוועריקייטן פון דער יוגנט תמיד געווען אַ פּראָבלעם מיט וועלכן זיי האָבן זיך שווער געראַנגלט. די צוטיילונג פון די בודזשעטן איז ווייט פון צו לעזן אַלע נויטן פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אָבער עס איז אַ וויכטיקער בייטראַג און פון גרויסן פּסיכישן ווערט, ווייל זיי האָבן דעם געפיל, אַז זיי זיינען ניט פאַר־לאָזן, און עס איז דאָ אַ צענטראַלע וואָס זאָרגט פאַר זיי און קומט זיי אַנטקעגן מיט הילף, ראַט און טאַט.

עס איז קיינמאָל ניט דעפינירט געוואָרן, פון אָרגאַניזאַציאָנעל־רעכטלעכן שטאַנדפּונקט, די באַציונגען פון דער יוגנט־פעדעראַציע מיט דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין מעקסיקע. אויף דעם גרונט איז געקומען ניט איינמאָל צו מיספאַרשטענדענישן, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט אויסקריסטאַליזירט אין זייער גרעסטער טייל ביז דעם היינ־טיקן טאָג. מיט דער צוטיילונג פון די בודזשעטן און די באַהאַנדלונג פון די פראַגן פון מדריכים אין אַ געוויסער זעלבסטשטענדיקער פאָרם, איידער די פראַגע פון דעפיניטיוון אישור ווערט געבראַכט צו דער מחלקת העליה הנוער החלוץ, האָט געשאַפן ביי דער יוגנט־אָרגאַני־זאַציע, ספּעציעל אין דער לעצטער תקופה, דעם געפיל, אַז זיי זיינען אויטאָנאָם און קענען אַליין באַשליסן וועגן אַלע פראַגן וועלכע שטייען ברומו של עולמם. אַזוי אָבער, ווי ביי יעדער געלעגנהייט, מוזן זיי אָנקומען אין דער אָדער אַנדערער פאָרם צו דער עלטערער פעדע־ראַציע, טוען זיי עס אין אַ פאָרם פון אַ ווענדונג וואָס ניט אַלע מאָל טראָגט זי דעם פאַסיקן כאַראַקטער. עס איז ווי אָנגענומען, אַז דאָס וואָס די יוגנט דאַרף האָבן, מוז די עלטערע פעדעראַציע צושטעלן, ניט אַריינמישנדיק זיך אין די אָנגעלעגנהייטן פון דער ציונ. יוגנט־פעדעראַציע.

די לאַגע האָט זיך פּאַקטיש אָנגעהויבן גלייך מיט דער גרינדונג פון דער פעדעראַציע אין יאָר 1954. די יוגנט־פעדעראַציע, ווי גע־זאָגט, האָט עקזיסטירט די גאַנצע צייט אָן איבעריים. די יוגנטלעכע האָבן געזען אין דער פּאָליטיזאַציע און אויפלעזונג פון דער ערשטער פעדעראַציע, אַן אַקט פון פּאָליטישער אומרייפקייט מצד די פּאַרטייען. זיי האָבן באַטראַכט די עלטערע פעדעראַציע ווי ניט בארופן זיי צו געבן עצות אָדער אָנווייזונגען, טאַקע צוליב דעם מאַנגל פון דער פעאיקייט אַליין אַרויסברענגען דאָס וואָס פאַראיי־ניקט אַלע פּאַרטייען און ניט דאָס וואָס צעשייד און צעטיילט. זיי האָבן זיך באַצויגן מיט אַ מערקבאַרער גרינגשעצונג — אויב ניט ביטול — צו די עלטערע פּאַרטייען, מיטן מאָמענט ווען עס איז ווי־דעראַמאָל אַנטשטאַנען די ציוניסטישע פעדעראַציע.

פּאַקטיש, איז די פּאָליטיזירונג גראַד געקומען צום אויסדרוק

אין דער יוגנט-פעדעראַציע אַליין און דאָס אין אַזאַ מאָס, וואָס האָט געשאַפן אַ ניט-געזונטע אַטמאָספער אַרום אַלע אירע אַרבעטן. די קאָאָפּעראַציע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן צווישן די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, און לײַדער האָבן די יוגנט-שליחים פון די פאַרשידענע וועלט-באַוועגונגען, וועלכע זײַנען דאָ אין מעקסיקע שוין יאָרן, ניט באַוויזן אַרויסצוברענגען דאָס אַלץ וואָס דאַרף די יוגנט פאַראייניקן כדי ווידמען אַלע כוחות פאַר דער פאַרברייטערונג פון די ראַמען פון די יוגנט - אָרגאַניזאַציעס, און אַרײַננעמען וואָס מער יידישע יוגנטלעכע פון מעקסיקע און זייערע רייען. די קריטיק דאָ, איז געוואַנדן קעגן אַלע יוגנט-שליחים, וועלכע קאָנצענטרירן זיך צופיל אויף די טעטיקייטן פון זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס און פאַרגעסן דעם ברייטערן האָריזאָנט פון דער לאַגע פון דער מעקסיקאַניש-יידישער יוגנט אין אַלגעמיין. כ'וואָלט געזאָגט, אַז דאָ ליגט איינע פון די סיבות וואָס האָבן בײַגעטראָגן דערצו, אַז קיין איין יוגנט אָרגאַניזאַציע האָט ניט מצליח-געווען אַרויספירן אירע טעטיקייטן אויפן ברייטערן שליאַך פון מאַסן-אַקטיוויטעט צווישן דער יוגנט.

דאָס איז איינע פון די גרויסע פּראָבלעמען פון דער מעקסיקאַנער יידישער יוגנט, וואָס פאַרוואַנדלט די אָרגאַניזאַציעס אָדער אין אַריםטאָקראַטישע איינסן — אַ צוגאַנג און כאַראַקטער וואָס עס האָבן זייער אָפּט די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים — אָדער אין ראַכיטישע און ניט-באַווירקנדע איינסן, וואָס רעדוצירט די גאַנצע דערציונג נאָר ביז צו אַ געוויסן עלטער, נאָך וועלכן, דער יוגנטלעכער גייט אַוועק פון דער אָרגאַניזאַציע, ווייל דאָס בירגערלעכע לעבן ציט מער צו, גיט מער עמאָציעס, שאַפט בעסערע מעגלעכקייטן, פון פאַרשידענעם און אויך צווייפלהאַפטן סאָציאַלן כאַראַקטער זיך אויסצולעבן צופרידנשטעלנד.

די יוגנט-אָרגאַניזאַציעס זײַנען ווירקזאַם ביז אַ געוויסן עלטער. ווען דער ייִנגער בחור אָדער בחורה אין מעקסיקע, קומען צו די יאָרן פון 20 און העכער, פאַרלירן זיי דעם אינטערעס אין דער באַוועגונג, אין דער אידייע און בכלל אין דער חלוציות.

עס דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דער „השומר הצעיר" איז געווען אין דעם פּרט אַן אויסנאַם, ווייל ער האָט דערצויגן צו עליה, און האָט געהאַט פאַר די אַלע יאָרן אַן עליה אין די קיבוצים פון „קיבוץ-ארצי השומר הצעיר", אַ יאָר מער און אַ יאָר ווייניקער, אָבער אויך דאָ איז געווען כאַראַקטעריסטיש די גרויסע צאָל אָפּפאַלנדיקע אינמיטן וועג. אויב אין „השומר הצעיר" איז עס געווען אַ ביסל נאַטירלעך, ווייל די יוגנטלעכע האָבן געוווסט, אַז דאָ רעדט

מען נישט חלוציות נאָר מען מיינט עס מאַקע ערנסט, האָבן זיי גע־דאַרפט אין אַ געוויסער תקופה פון זייער לעבן נעמען אויף זיך די התחיבות פון הגשמה, און ביים קאָנפליקט מיט דער אייגענער פע־איקייט און מוטיקייט פון אָנעמען דעם נייעם וועג אין לעבן, האָבן פיל זיך צוריקגעצויגן אין לעצטן מאָמענט.

אָבער ביי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וווּ די פראַגע פון הגשמה איז ניט געשטאַנען מיט דערזעלבער שאַרפקייט, זיינען אויך אַפּגע־פאַלן די עלטערע חברים, בעסער געזאָגט, זיינען אַפּגעפאַלן אַלע עלטערע חברים און חברות — אפשר מיטן אויסנאַם פון יחידים דאָ און דאָרט — און דאָס איז דער טרויעריקסטער מאָמענט אין דער געשיכטע פון די מעקסיקאַנער יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן ניט געפונען קיין וועג צום אַמעריקאַניזירטן — אין ברייטסטן זין פון וואָרט — יידישן יוגנטלעכן אויף דער מערב־יבשה. דאָס איז אַ דער־ציערישע אויפגאַבע וואָס איז פון דער טיפסטער באַדייטונג ניט נאָר פאַר דער יוגנט־באַוועגונג אויף דעם קאָנטינענט נאָר פאַר דער גאַנ־צער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַלגעמיין. דער דערציערישער מע־טאָד, דער צוגאַנג, דאָס געפינען די ספּעציפישע עמאָציאָנעלע וועגן וואָס רעדן צו די הערצער פון דער אַמעריקאַנער יוגנט, איז נאָך אַ סוד צום אַנטפּלעקן. עס איז ניט נאָר אַ מעקסיקאַנער יידישע פּראָ־בלעם, נאָר אַן אַלגעמיינע פּראַגע. אפילו אין די לענדער פון אַרגענ־טינע, אורוגוויי, טשילע און בראַזיל, זיינען, אין פּראַפּאָרץ, ניט דער־גרייכט געוואָרן קיין וועזנטלעכערע רעזולטאַטן ווי די פון מעקסי־קע. געווים, איז דאָס אַרגענטינער יידנטום אין דעם פּרט אַן אויס־נאַם, אָבער, „מוטאַטים־מוטאַנדים”, בלייבט אויך דאָרט די פּראָבלעם ווי געווען.

דאַרפן מיר אָנעמען, אַז די פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער יוגנט־פעדעראַציע אין מעקסיקע, זיינען ניט אויסשליסלעך אַן אָר־גאַניזאַציאָנעלע פּראַגע און אויך ניט קיין ספּעציפישע יידיש־מעקסי־קאַנער אויפגאַבע, וואָס מען דאַרף פאַר איר געפינען אַ לעזונג. עס איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער דערציערישער פּראָבלעם, פון דער אומפעאיקייט פון מאַכן אַריינדרינגען דעם חלוצישן געדאַנק אין די גרויסע מאַסן פון דער היגער יוגנט, און דעריבער זיינען אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראַגן זייער שווערע און שוין ביז גאָר קאָמ־פּליצירט די אינטעראָרגאַניזאַציאָנעלע באַציונגען פון די יוגנט־באַ־וועגונגען אינערהאַלב דער יוגנט־פעדעראַציע.

ביים איבערגעבן דעם באַריכט, איז די יוגנט־פעדעראַציע פּאַק־טיש ווי פּאַראַליזירט. די יוגנטלעכע האָבן זיך פּאַריאָגט אין פּראָ־בלעמען פון דיסציפּלין וואָס האָבן אַפּטמאָל קיין זין און קיין אינ־

האַלט, און דאָס איז געווען איינע פון די רעזולטאַטן פון מאַנגל אין אַ דערציערישן צוגאַנג צו די אייגענע פּראָבלעמען אינערהאַלב די אינטעראָרגאַניזאַציאָנעלע באַציונגען, ווייל עס האָט געפעלט די דערציערישע באַזע אין דער אייגענער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. ווען דער יסוד האָט געפעלט, האָט דער דאַך אַליין ניט געקענט האָבן קיין גרויסע אחיזה און קיין איבעריקע ווערט פאַר דער געביידע פון דער יוגנט־פעדעראַציע.

ווי געזאָגט, איז דאָ אין מעקסיקע דער שליח פאַר הנוער און החלוץ, ח' שבתי דינר, און עס איז קיין ספק פאַר אונדז, אַז עס וועט קומען צו אַן איבערבוי פון דער יוגנט־פעדעראַציע. זיין איניציאַטיוו, עצה און איבערוואַכונג, וועט פאַרזיכערן אַרויסצופירן — לאָמיר האָפן וואָס גיכער — די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונגען אויפן דרך המלך פון אָרגאַניזירן נייע הונדערטער יוגנטלעכע אין זייערע רייען און איבערשיקן וואָס מער יוגנטלעכע אין די רייען פון די מגשימים אָדער לכל הפחות, אַלס שח"ם־אַנגאַזשירטע, פאַר אַ יאָר דינסט, אין די גרענעץ־דערפער פון מדינת ישראל.

די קאַמפּיין־אַקטיוויטעטן.

די וואַנדלונגען און איבערוואַנדלונגען

אין מעקסיקע פאַרצייכנט אונדזער געשיכטע פון ציוניזם — אַ געשיכטע וואָס איז נאָכניט געשריבן געוואָרן — דעם ערשטן קאַמפּיין פון „קרן היסוד" אין יאָר 1923. דערנאָך קומט אַן איבעריים און ערשט פון 1929 הייבט זיך אָן אויפסנייַ אַ מער אָרגאַניזירט ציוניסטיש לעבן. די ערשטע קאַמפּיינען פון „קרן היסוד" האָבן זיך אָנגעהויבן, אין אַ מערווייניקער רעגולערער פאָרם אין די לעצטע דרייסיקער יאָרן, און פון דאַן אָן זיינען זיי פאַרגרעסערט און בעסער אָרגאַניזירט געוואָרן פון יאָר צו יאָר. די מלחמה־יאָרן זיינען געווען ווי אַן אַרויסרוף פאַרן געוויסן פון יעדן ייד און עס איז צו פאַרצייכענען אַ פּערמאַנענטע שטייגונג אין די הכנסות פון קרן־היסוד. אין דער תקופה איז אויך געשטיגן די הכנסה פון קק"ל, וואָס איז אַרויס ווייט איבער די גרענעצן פון דער רוטין־אַרבעט און דערגרייכט זייער גוטע רעזולטאַטן.

פּאַראַלעל צו דער אַנטוויקלונג פון די קאַמפּיין־אַרבעטן, איז געקומען צו אַ געוואַלדיקן פונאַנדערבלי פון יידישן לעבן אין מעקסיקע. עס זיינען אַנטשטאַנען נאָך צוויי שולעס, די „תרבות"־שולע און „יבנה"־שולע, צו דער פון דער יידישער שולע, און אין די לעצטע יאָרן איז אויך צוגעקומען די נייע יידישע שולע. עס האָבן זיך אַנטוויקלט

די הילפס-אינסטיטוציעס, עס זיינען געשאפן געווארן קאמיטעטן פאר די פארשידענע ווילטעטיקע יידישע וועלט-ארגאניזאציעס, ווי דזשאינט, אזע, ארט, ארבעטער-קאמיטעט, האיאס, אליאנס איזראעליט אוניווערסעל א. א. די רעליגיעזע קהלה „נדחי ישראל" — וואס איז אין איצטיקן מאמענט, ווען עס ווערן געשריבן די שורות, פארוואנדלט געווארן אין א קאנסטיטוטיווער טייל פון דער אשכנזישער קהלה אין מעקסיקע — האט אלע מאל מער פארצווייגט און פארגרעסערט אירע אקטיוויטעטן אויף פארשידענע געביטן פון רעליגיעזן, סאציאלן, דערציערישן און אלגעמיין-געזעלשאפטלעכן לעבן. עס איז געקומען צו א מאמענט, ווען אלע געזעלשאפטן, שולעס, ארגאניזאציעס, האבן ניט געקענט מער דעקן זייערע הוצאות און נויטן מיט די אנגענומענע מיטלען פון מיטגלידס-אפצאל, און עס האט זיך אנגעהויבן אין מעקסיקע דער כאאס פון קאמפיינען, זאמלונגען און אקציעס וואס האבן אנגענומען אן אנטי-געזעלשאפטלעכן כאראקטער.

ביי דעם מצב איז צום ערשטן מאל רייף-געווארן דער געדאנק פון אן אלגעמיינעם פאראייניקטן קאמפיין, וואס זאל ארומנעמען אלע שולעס, הילפס-ארגאניזאציעס, אויסלענדישע אינסטיטוציעס און ארגאניזאציעס ווי אויך די אקציע פון „קרן היסוד". אין 1945 איז צום ערשטן מאל רעאליזירט געווארן אזא פאראייניקטער קאמפיין, וועלכער האט מער ווי איין יאר ניט געדויערט. נאך אייניקע יאר באזונדערע קאמפיינען, האט זיך ווידעראמאל אנגעהויבן א באוועגונג פאר באנייען די אינסטיטוציע פון אלגעמיינע פאראייניקטע קאמפיינען. אין 1948 האט זיך אנגעהויבן א לענגערע תקופה פון די פאראייניקטע קאמפיינען, וועלכע האבן געגעבן גאנץ אנזעעוודיקע רעזולטאטן אין דער ערשטער צייט, אבער האבן אנטהאלטן אין זיך פיל חסרונות, וואס האבן אפט פארשאטנט די מעלות.

אין 1951, איז ווידעראמאל אויפגעלעזט געווארן דער פאראייניקטער קאמפיין, און עס האט זיך געשאפן פון איין זייט, דער לאקאלער קאמפיין, וואס האט ארומגעקומען אלע ארטיקע און יידישע אלוועלטלעכע הצטרכות'ן, און פון דער צווייטער זייט דער קאמפיין פון „קרן היסוד". אין יאר 1952 איז ווידעראמאל באנייט געווארן דער פאראייניקטער קאמפיין צוזאמען מיטן „קרן היסוד", אבער דער קאמפיין איז געווען ניט-דערפאלגרייך און דערמיט איז דעפיניטיוו ליקווידירט געווארן דער געדאנק פון אן אלגעמיינעם פאראייניקטן קאמפיין פאר אלע יידישע און ציוניסטישע אינסטיטוציעס אין מעקסיקע.

זאל דא אונטערגעשטראכן ווערן, אז די ציוניסטישע באוועגונג — ליידער ניט אלע פארטייען — איז געווען די גאנצע יארן קעגן

אלגעמיינעם קאמפיין. זי האט געהאט דערצו א קלארע פרינציפיעלע שטעלונג. צום מעקסיקאנער ייד פון א גאנץ יאר, קענען מיר ניט קומען מיט דערציערישע ארגומענטן, און ניט מיט אידעאלאגישע אויספירן כדי צוציען זיין אויפמערקזאמקייט לטובת מדינת ישראל. מיר קומען צום ייד פאדערן פון אים דאס איינציקע וואס ער קאן טאן באלד, לאלתר, און דאס איז, געבן געלד, ביישטייערן זיך פאר דער עליה קיין ישראל, פאר קיבוץ-גלויות, פאר דער זיכערקייט פון לאנד, פאר דער אנטוויקלונג פון דער אגריקולטור, אינדוסטריע און פון אלגעמיינעם עקאנאמישן לעבן אין דער מדינה, וואס פארזיכערט אז פאר דער נאנטסער צוקונפט, וועט מדינת ישראל ווערן, יעדעס יאר, אלעמאל וויניקער אפהענגיק פון אויסערלעכער הילף, ביז זי וועט דערגרייכן א תקופה פון ווערן א חי נושא את עצמו.

ווען מען פירט אלגעמיינע קאמפיינען, נעמט מען צו דעם ציוניסטישן עסקן, און דער ציוניסטישער באוועגונג אין אלגעמיין די איינציקע מעגלעכקייט צו רעדן דירעקט צום מעקסיקאנער ייד אין נאמען פון מדינת ישראל און אויפוועקן אין אים נאציאנאלע געפילן און רופן אים צו פאראנטווארטלעכקייט. דערפאר איז דער פאראייניקטער קאמפיין באטראכט געווארן ווי א שטער פון ציוניסטישן שטאנדפונקט. די פאראלגעמיינערונג האט אין א געוויסער מאס, גורם געווען צו א פארוואסערונג פון דעם טיפערן באוווסטזיין פון דער היסטארישער שיכות צו א גרויסער בויענדיקער באוועגונג, צו מדינת ישראל, און צום געשיכטלעכן פראצעס פון קיבוץ-גלויות. אן אלגעמיינער קאמפיין נעמט אן א פילאנטראפישן כאראקטער — און מעגן זיינע צילן זיין זייער דערהויבענע, ווי פארזיכערן דעם חינוך, הילף און אנדערע ארטיקע הצטרכות'ן — אין דער צייט ווען מען נעמט איינטייל אין א ציוניסטישער אקציע, האט מען די טיפע איבערצייגונג אז מען איז פארבונדן מיט א גאנצע ריי נאציאנאלע אויפגאבן, התחיבות'ן און פאראנטווארטלעכקייטן צו וועלכע מען קען רופן דעם תורם און פארוואנדלען אים אין א קעמפערישן איינם פון סאציאלן, פאליטישן און אידעאלאגישן שטאנדפונקט.

די וואנדלונגען און איבערוואנדלונגען פון פראבלעם פון די ציוניסטישע קאמפיינען אין מעקסיקע, האט מיט זיך פארגעשטעלט די ראנגלעניש פאר ציוניסטישער זעלבסטבאשטימונג אין מעקסיקאנער ישוב. עס קען אויסקומען א ביסל הויך-קלינגענדיק די לעצטע פעסטשטעלונג, אבער ווען מען זעט די זאכן אין זייער ריכטיקער פראפארץ, אין די ראמען פון דער מעקסיקאנער ווירקלעכקייט, און באטראכטנדיק די פראבלעמען פון דער היגער ציוניסטישער באוועגונג, מוז מען קומען צום באשלוס, אז דער קאמף פאר אפטיילן די

ציוניסטישע קאמפיינען פון די אלגעמיינע נויטן פון ישוב, איז גע־וועז א בארעכטיקטער. געווים, האבן געוויסע בונדיסטישע עסקנים דא געהאט א געלעגנהייט אויפסניי — און צום וויפלטן מאל — פאר־צווארפן דער ציוניסטישער באוועגונג איר „אפגעריסנקייט" פון די ארטיקע פראבלעמען פון ישוב. ניט איין גוטער ציוניסטישער עסקן איז געפאנגען געווארן פון דעם געדאנקען־גאנג און האט געהאלטן, אז מען קען ניט ווידעראמאל געבן די קעגנער פון ציוניזם דאס אוים־געפרוווטע געווער אין האנט אריין, זיי זאלן ארויסשטעלן די ציוניס־טישע באוועגונג ווי א „קעגנערישע" צו די לאקאלע אינטערעסן און נויטן. אבער די קלארע איבערצייגונג און דער ריכטיקער אנאליז פון דער לאגע און פון די נויטן פון דער ציוניסטישער באוועגונג, ווי אויך די פליכטן פון יידישן כלל אויף דער וועלט לגבי מדינת ישראל, האבן באוויזן די ניט־ריכטיקייט פון דער שטעלונג. די ציוניסטישע באוועגונג איז תמיד געווען די וואס האט געבויט דאס יידישע לעבן אומעטום, און בייגעטראגן פיל מער ווי אלע אנדערע באוועגונגען אין יידישן לעבן פאר דער צעמענטירונג פון יידישן המשך אין אלע לענדער פון דער וועלט.

בעסער געזאגט: דער עצם פאקט פון דער עקזיסטענץ און אנט־וויקלונג פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער באוועגונג און אירע דערגרייכונגען אין ישראל, זיינען געווען דער וויכטיקסטער היסטא־רישער ביטראג פאר דעם דור, אז ער זאל האבן מוט און קוראזש ווייטער אנצוהאלטן זיין געשיכטלעכן גאנג און זיין יידישע אייגנ־ארט, ווייל די ארטיקע אקטיוויטעטן זיינען בארעכטיקט געווארן אין דער ליכט פון די אידעאלן פון רעאליזירטן שיבת־ציון חלום. ניט די ציוניסטישע באוועגונג האט נעגירט דאס ארטיקע לעבן, נאר א דאנק דער ציוניסטישער באוועגונג איז פארגעקומען דער פונאנדערבלי פון די אינערלעכע פאטענצן פון די יידישע ישובים אויף גאר דער וועלט. ניט א בארעכטיקונג פון ארטיקן לעבן ווי א ציל פאר זיך, נאר די צעמענטירונג פון די יידישע ישובים אויף דער וועלט אין דער ליכט פון נאציאנאלן באפרייאונגס־אידעאל, דאס איז געווען דער גרויסער אידעאישער באגאזש מיט וועלכן די ציוניסטישע באוועגונג האט בא־רייכערט דאס יידישע לעבן און יידישע עסקנות. עס איז נישט געווען מער המשך לשם המשך, נאר המשך לשם אידעאל פון בא־נייען דאס גאנצע יידישע לעבן און לעגן נייע יסודות פאר דער גע־ענדערטער געשיכטלעכער אנטוויקלונג פון יידישן פאלק אין ישראל און אויף גאר דער וועלט.

דאס מעקסיקאנער יידנטום איז אויפגעבויט געווארן און זיך אנט־וויקלט אין ליכט פון די ציוניסטישע אידעאלן. ביי 95 פראצענט פון היגן ישוב איז ציוניסטיש אדער פאזיטיוו געשטימט לגבי ישראל.

די וואלן צו די ציוניסטישע קאנגרעסן האבן צוגעצויגן פראפארציא־נעל די גרעסטע צאל ווילער וואס אן אנדער גלות־לאנד האט עס קיינמאל נים פארצייכנם. דאס גאנצע לעבן פון יידישן ישוב אין מעקסיקע איז באאיינפלוסט פון ציוניזם. די אנטוויקלונג פון שול־וועזן איז געווען דער דירעקטער רעזולטאט פון די פארמעסטן פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין אשכנזישן, ווי אויך ספרדיש־דמשק׳ער־אלעפא׳ער טייל פון אונדזער ישוב.

ביים איצטיקן מאמענט, איז די קאמפיין־טעטיקייט פון דער ציו־ניסטישער באוועגונג געווארן א זעלבסטשטענדיקע און פארצווייג־טע אינסטיטוציע. זי נעמט ארום נים נאר די טראדיציאנעלע — און אלע יאר שטייגענדיקע אין הכנסות — „קרן היסוד" אקציע, נאר אויך די טאגטעגלעכע טעטיקייט פאר קהק׳ל, די עמערגענץ־אקציע פון „קרן מגן" פארן לעצטן יאר, און די גרויסע דערגרייכונגען פון דעם „איגרות־קאמיטעט" פאר מעקסיקע, צענטראל־אמעריקע און די קאריבישע אינדזלען, וואס האט זיין זיץ ארט אין מעקסיקע און וואס האט דערגרייכט זייער וויכטיקע רעזולטאטן, וואס שטעלן אוועק מעקסיקע אויפן ערשטן ארט, נים נאר פראפארציאנעל, נאר טאקע אין ציפערן ממש, פון אלע לענדער אויפן לאטיין־אמעריקא־נעם טייל פון קאנטינענט. זאל דא דערמאנט ווערן דער קאמיטעט פאר א בליץ־אקציע לטובת דאס אפריקאנער יידנטום (מאראקא, אלזשיר, טונים) וואס די ציונ. פעדעראציע האט ארגאניזירט אויפן באשלום פון ציונ. אקציאנס־קאמיטעט, און פון אים איז ארויסגעקר־מען די גרויסע „קרן מגן"־אקציע.

ווען די ציוניסטישע פעדעראציע האט אנגעהויבן איר אקטיווי־טעט אין 1953 איז שוין אויסגעקעמפט געווארן די זעלבסטשטענדי־קייט פון די ציוניסטישע פאנדן, און די ארבעט איז געשטיגן און זיך אנטוויקלט פאר די לעצטע צוויי דריי יאר אויף אלע געביטן פון דער זאמל־טעטיקייט.

מיט דער אנטשטייאונג, אין אנהייב 1957, פון דער אשכנזישער קהלה אין מעקסיקע, איז אפגעשאפט געווארן דער לאקאלער קאמ־פיין און עס איז איינגעפירט געווארן א קהלה־ביישטייער, וואס האט נאר אן אנדער כאראקטער ווי דער לאקאלער קאמפיין. דאס איז א גרויסע פסיכאלאגישע דערגרייכונג, ווייל עס וועט פארבלייבן אין היגן ישוב נאר איין סארט קאמפיינען: די אקציעס פאר מדינת יש־ראל, אין זייערע פארשידענע פארמען, ווי דער דירעקטער ביישטייער („קרן היסוד") דער טאגטעגלעכער ביישטייער („קהק׳ל") און די פון „איגרות" (באנדס־קויף) ווי אן הלוואה פאר דער מדינה.

די קהלה האט ארייננענומען אין איר בודזשעט נים נאר די לאקאלע הצטרכות׳ן נאר אויך די התחיבות׳ן פון אונדזער ישוב פאר

די אלוועלטלעכע יידישע אינסטיטוציעס ווי „אזע", „ארט", „האיאס", „ארבעטער־קאמיטעט", „איוו'א" א. א., און א דאנק דעם זיינען אפ־געשאפט געווארן אלע אנדערע קאמפיינען אין היגן ישוב. דאס עפנט נייע האריזאנטן פאר דער קאמפיין־טעטיקייט פון דער ציונ. באוועגונג, וואס קען און מוז פארשטארקט און פארגרעסערט ווערן אין דער איצטיקער קריטישער פאליטישער און עקאנאמישער תקופה וואס עס מאכט מיט מדינת ישראל.

מיר ווילן נאר אין איניקע קורצע שטריכן דערמאנען דא די באזונדערע אקציעס פון די פארשידענע פאנדן, כדי שאפן א קלאר בילד — אויב אפילו ניט קיין גענויעם און אן ציפערן, וואס ווערן דא ניט געבראכט צוליב פארשטענדלעכע טעמים — וועגן דער טע־טיקייט פון די פאנדן און זייער אנטוויקלונג אין לויף פון דער תקופה אין וועלכער עס ווערט אפגעגעבן דער באריכט פון דער טעטיקייט פון דער ציוניסטישער פעדעראציע אין מעקסיקע.

קרן היסוד

דער גרויסער אויפשוואונג פון „קרן היסוד" איז פארגעקומען אין די יארן פון 1940 און 1941, ווען עס האט געוויילט אין מעקסיקע לייב יפה ע'ה. דערנאך זיינען די הכנסות געשטיגן פון יאר צו יאר ביז עס האבן זיך אנגעהויבן אין 1948 די פאראייניקטע קאמפיינען. אין 1951, ווען עס איז אויף איין יאר אויפגעלעזט געווארן דער פאראייניקטער קאמפיין, איז די אקציע פון „קרן היסוד" ניט גע־קרוינט געווארן מיט דעם דערפאלג וואס מען האט דערווארט. עס איז דעריבער ווידעראמאל געקומען צו א פאראייניקונג פון אלע פאנדן, און אין לויף פון 1952 איז ניט פארצייכנט געווארן קיין פארויסגאנג אויך ניט אין דער פארם און דעריבער איז אויפן יאר 1953 צום ערשטן מאל געפירט געווארן די באנייטע אקציע פון „קרן היסוד" ווי א זעלבסטשטענדיקע זאמלונג. דער דערפאלג איז געווען זייער א גרויסער, ווייל עס איז געשאפן געווארן פאר ישראל אליין כמעט דערזעלבער סכום וואס פלעגט שאפן דער אלגעמיינער פאר־אייניקטער קאמפיין פאר אלע צוזאמען. די אקציע האט געהאט גרעסערע דערפאלגן אין די יארן 1954, 1955, 1956. דער „קרן הי־סוד" איז געווארן צוריק די אנערקענטע אינסטיטוציע פון היגן ישוב פאר ציוניסטישער פינאנסירונג פון דער עליה און אויפבוי אין מדי־נת ישראל.

עס איז געווען איינגעפירט אין פאראייניקטן קאמפיין, אז די ציוניסטישע פארטייען האבן איינטייל־גענומען, צוזאמען מיט „קרן היסוד", אין א געמיינזאמער פראצענטער־פארטיילונג (70 פראצענט

פון קאמפיין!). ווען עס האבן זיך אנגעהויבן די באזונדערע קאמפייגען פון „קרן היסוד" און פון „לאקאלן קאמפיין", איז אנטשטאנען די פראגע פון דערלויבן אויפסניי די ציוניסטישע פארטייען אנפירן זייערע קאמפיינען ביי זייערע מיטגלידער און סימפאטיקער. דער פאראייניקטער קאמפיין האט עס ניט געוואלט דערלויבן, ווייל ער האט געוואלט פאר יעדן פרייז אנהאלטן דעם פרינציפ פון איין ביישטייער א יאר פאר יעדן תושב פון מעקסיקע. אין „קרן היסוד" איז די פראגע געווען פיל קאמפליצירטער צוליב פארשידענע אפמאכן אין וועלט-מאשטאב, צווישן די וועלט-צענטראלעס פון די פארטייען מיטן „קרן היסוד", א פראבלעם אין וועלכן עס איז ניט דא דער פלאץ זיך ארייננצולאזן און אים אלזייטיק אנאליזירן. עס איז באשלאסן געווארן, אז כדי ניט אריינטראגן קיין כאאס אין דער ארבעט, זאלן די פארטיי-פאנדן איינטייל-נעמען אין דער זעלבער פארם פון די פראצענטער-פארטיילונג ווי ביים אלגעמיינעם קאמפיין. עס איז געווען א קעגנערשאפט דערפאר, אבער עס איז דורכגעפירט געווארן איינזעענדיק, אז „קרן היסוד" קען אמאל ליידן צוליב מאנגל אין אקטיוויסטן ווייל גוטע פארטיי-טוער וועלן קיינמאל ניט וועלן מוותר זיין אויף זייערע פארטיי-אויפגאבן.

אין איצטיקן מאמענט מערקט זיך אין דער ציוניסטישער פעדעראציע א טענדענץ, אפצושאפן דעם איינטייל פון די פארטייען אין דער אקציע פון „קרן היסוד". דער טעם אין א פשוטער. די פארטייען האבן אין זייער גרעסטער טייל סיווי געפירט א צוגאב קאמפיין אין מעקסיקע, לטובת די ישראל-וואלן, אדער סתם פארטייפאנדן אדער אינסטיטוציעס, און אזוי ארום זיינען במילא געפירט געווארן אקציעס אין דערזעלבער צייט ווי עס איז אנגעגאנגען די טעטיקייט פון „קרן היסוד". די לאגע האט ארויסגערופן ביי אלע פארטייען א שטימונג, אז די געלדער פון „קרן היסוד" מוזן און דארפן אין זייערע הונדערט פראצ. איבערגעפירט ווערן קיין ישראל, און יעדע פארטיי זאל זיך זאמלען ביי אירע מיטגלידער און סימפאטיקער באזונדער. עס איז צו האפן, אז די נייע טענדענץ וועט רעאליזירט ווערן.

ביי דער איצטיקער שווערער לאגע אין מדינת ישראל, ווערט געפלאנט פארן יאר 1957 א גרויסצוגיקער קאמפיין פון „קרן היסוד" וועלכער זאל זיין דער אויסדרוק פון דער טיפער סאלידאריטעט פון מעקסיקאנער יידנטום מיט מדינת-ישראל.

קרן הקימת לישראל

דער קהק"ל האט פארצייכנט פון יאר 1943 און ביז מיט איניקע יאר צוריק א פערמאנענטן אויפשטייג אין זיינע הכנסות. עס

זיינען געווען דערצו גינסטיקע באַדינגונגען. דער קק״ל האָט געהאַט דאָס רעכט צו פירן זעלבסטשטענדיקע קאַמפּיינען ווי אויך פאַרשי־דענע אַנדערע אַקציעס פון ספּעציפישן קק״ל־כאַראַקטער. עס איז אויך מיט דער צייט געגרינדעט געוואָרן אין מעקסיקע אַ ביוראָ פאַר צענטראַל־אַמעריקע, און מעקסיקע האָט באַאיינפלוסט אַזוי אַרום ווי אַ צענטער פאַר קק״ל אַרבעט דעם צענטראַלן טייל פון אַמעריקאַנעם קאָנטינענט.

דער 23־ער ציוניסטישער קאָנגרעס אין ירושלים, האָט אָנגענו־מען אַ ווילכטיקן באַשלוס, אַז די קאַמפּיין טעטיקייט ווערט רעזער־ווירט אויסשליסלעך פאַרן „קרן היסוד". דאָס האָט פאַרשמעלערט אין אַ געוויסער מאָס די טעטיקייטס־מעגלעכקייטן פון קק״ל אין אַלע לענדער. די פאַרשידענע אַקציעס וואָס זיינען צוגעטיילט געוואָרן דעם קק״ל, ווי „יער הרצל", „יער הקדושים", א. א. זיינען געווען אַקציעס וואָס האָבן ניט געגעבן קיין גרויסע דערפאָלגן צוליב דער נייקייט פון די אונטערנעמונגען און צוליב מאַנגל אין אַ פּאַסיקער צייט פאַר דורכפירן די אַקציעס. דער יאָר 1955 איז געווען אַ ספּעציפיש יאָר מכוח דער אָנגעשטרענגטער לאַגע אין ישראל צוליב די „פעדאיון"־מערדער וואָס האָבן אָנגעהויבן אַטאַקירן דאָס לאַנד און גלייך נאָך דער אַקציע פון „קרן היסוד", ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן די נייעס וועגן דעם געווער־פאַרקויף פון טשעכאָסלאָוואַקיע־רוסלאַנד פאַר מצ־רים, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די גרויסע אַקציע פון „קרן מגן". דאָס איז געווען די ערשטע „קרן מגן" אַקציע אין גלות, וואָס איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין פולסטער וואַכזאַמקייט און פּאָליטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גע־שאַפענער לאַגע אין דער מדינה. דערנאָך איז אין יאָר 1956 פאָרגע־קומען דער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס האָט באַשרענקט אויף איי־ניקע חדשים די גאַנצע זאַמל־טעטיקייט, אַזוי אַרום איז געווען דער קק״ל געבונדן מיט אויסערלעכע שוועריקייטן וועלכע האָבן ווייט ניט פאַרלייכטערט די אויפגאַבע פון דורכפירן די ספּעציפישע אַר־בעטן וועלכע זיינען אָנפאַרטרויט געוואָרן דעם קק״ל־דירעקטאָריום.

אין יאָר 1956 איז געקומען צו אַ פאַרבעסערונג פון די הכנסות פון קק״ל און עס איז צו האָפן, אַז די פאַרבעסערונג וועט ברענגען ווייטערע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן.

אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, „קרן היסוד" און קק״ל, וואָס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אויף אַ צוזאַ־מענטרעף און געזעגענונג מיטן גאַסט ה' יוסף ווייץ פון פרוי, פון וועלט־דירעקטאָריום פון קק״ל אין ירושלים, איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו שאַפן די „נחלת יהודי מכסיקו" אין די בערג פון ירושלים, אָדער גליל, דורך אויסקויפן אין לויף פון דריי

יאָר טויזנט פינף הונדערט דונאַם באָדן, צו פינף־הונדערט דונאַם יעדן יאָר. די טעטיקייט וועט רעאַליזירט ווערן אין דער ראַם פון דער טאָגטעגלעכער קק״ל־אַרבעט און עס וועט געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע ביים קק״ל־דירעקטאָריום פאַר דעם צוועק. די צונאָב־אַקטיוויטעט, וועט בלי ספק פאַרגרעסערן די הכנסות פון קק״ל און וועט געבן אַ נייעם שטוים פאַרוים פאַרן וווקס פון דער קק״ל־אַרבעט, ווייל דער געדאַנק פון גרינדן אַ „נחלת יהודי מכסיקו״ וועט זיכער צוציען נייע כוחות צו דער קק״ל־טעטיקייט און שטאַרקן די הענט פון די וואָס שלעפּן דעם טייערן עול פון גאולת הקרקע אין אבות־לאַנד.

קרן מגן

ווי געזאָגט, האָט די שווערע פּאָליטישע און זיכערקייטס־לאַגע אין דער מדינה, אַרויסגערופן די טיפע זאָרג פאַרן ווייטערדיקן גורל פון ישראל־יידנטום און פון מדינת ישראל. די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט באַשלאָסן אַז מיר דאַרפן אויך אין גלות נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון מדינת ישראל בירגער און פּראָקלאַמירן אונדזער „קרן מגן״. מיר האָבן נאָך איינע וואָכן דיסקוטירט די פראַגע, און דער עיקר געוואַרט אויף אינסטרוקציעס. מיר האָבן אָבער איינגעזען, אַז מען טאָר ווייטער ניט זיין גלייכגילטיק און מען האָט אויסגענוצט די גרויסע פייערונג וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער פעדעראַציע אונטער דער לאָזונג: „יום צירות ישראל״, צו די צוויי יאָר פון דער אויפשטעלונג פון אַ צירות ישראל אין מעקסיקע און אָנקום פון ערשטן ישראל־מיניסטער דר. יוסף קיסרי.

דעם 10־טן נאָוועמבער 1955 איז דורכגעפירט געוואָרן דער גראַנדיעזער אַקט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, אין גרויסן זאַל פון ספּאָרט־צענטער, אַוו עס זיינען אָנוועזנד געווען אַלע פאָרשטייער פון די ציוניסטישע פּאַרטייען, גרופּירונגען, אָרגאַניזאַציעס, צענטראַלע שטאָטישע אינסטיטוציעס, פאָרשטייער פון אַלע קהלות, און אַ גרויסע צאָל איינגעלאַדענע געסט פון די פּראָמינענטע תושבים און תורמים פון די ציוניסטישע פאָנדן.

ביי דער געלעגנהייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַקציע פון „קרן מגן״, וואָס האָט אָנגענומען אַ ספּעציעל פייערלעכן כאַראַקטער.

די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן ראַשיק, און זי האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, זייענדיק די גרעסטע געלד־אַקציע וואָס עס איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער געשיכטע פון היגן ישוב. עס איז גע־

ווען אַן איבערגעגעבענע אַרבעט, און ביים איינגעשטעלטן פּרינציפּ פון פּילפּאַך געהעכערטע ביִיטראַגן, אין אַנבליק פון אַ מלחמה־מעג־לעכקייט, האָט די אַקציע געגעבן אויסערגעוויינלעכע רעזולטאַטן. זי איז געפירט געוואָרן אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1956 און פּאַקטיש געשלאָסן געוואָרן אָרט פאַרן אַנהייב פון 24־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים.

דעם 3־טן מערץ 1956, איז פאָרגעקומען אַן אויסעראָרדענטלע־כער כינוס פון אַלע ישובים פון לאַטיינאַמעריקע, אין אורוגוואַי־מאָנטעווידעאָ. דער כינוס איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דורך דער יידי־שער אַגענטור און יידישן וועלט־קאָנגרעס. דער צוועק פון צוזאַמענ־קום איז געווען צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די דעלעגאַטן פון אַלע יידישע ישובים אין לאַטיינאַמעריקע אויף דער ערנסטער פּאָ־ליטישער לאַגע און זיכערקייטס־מצב פון דער מדינה און פּראָקלאַ־מירן פאַרן גאַנצן קאָנטינענט די אַקציע פון „קרן מגן”.

די דעלעגאַציע פון מעקסיקע — האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון אונדזער טעטיקייט אויף דעם געביט — און פיל אַנדערע שטחים — און עס האָט זיך באַקומען, אַז אין מעקסיקע האָבן מיר געשלאָסן די עמערגענץ־אַקציע פּונקט דאַן ווען מען איז איר געגאַנגען פּראָ־קלאַמירן פאַר גאַנץ לאַטיינאַמעריקע.

עס איז אמת ,אַז אַרגענטינע און נאָך אייניקע לענדער האָבן שוין אויך געהאַט אָנגעהויבן זייערע אַקציע פאַר „קרן מגן”. אָבער קיין איין לאַנד, האָט ניט אין פּראָפּאָרץ און ניט אין פולע ציפערן, זיך ניט פאַרגליכן מיטן קליינעם יידנטום פון מעקסיקע און איר ציו־ניסטישער באַוועגונג. די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט געקענט מיט שטאָלץ פּראָקלאַמירן, אַז זי שטייט אויפן ערשטן אָרט פון לאַטיינ־אַמעריקע אין דעם און אַנדערע שטחים פון ציוניסטישער וואַכזאַמ־קייט און אַרבעטס־לייסטונג לטובת דער באַוועגונג און די זיכערקייט און אויפבוי פון מדינת ישראל.

עס איז געווען אַן אויסדרוק פון אַנערקענונג און טיפער סאַ־טיספאַקציע פאַר דער דעלעגאַציע פון מעקסיקע פעסטצושטעלן — און דערנאָך עס איבערגעבן צו דער עפנטלעכקייט — וועגן דער וויכטיקער און ערשטראַנגיקער פּאָזיציע וואָס מיר פאַרנעמען ניט נאָר אויף דער מאַפּע פון לאַטיינאַמעריקע נאָר בכלל פון דער יידי־שער וועלט, און דאָס זייענדיק אַ קליינער ישוב פון קאַרגע 25 טויזנט נפשות.

דער „קרן מגן” איז געווען אַ גרויסע לייסטונג פון דער ציוניס־טישער פעדעראַציע און פון די וויכטיקע שטאַטישע עסקנים וועלכע האָבן צוגעהאָלפן אין דער דערפאָלגרייכער דורכפירונג פון דער אַק־ציע. אין איצטיקן מאָמענט, (יאַנואַר 1957) ווען מדינת ישראל שטייט

אין אזא ביטערן פאליטישן קאמף, עקאנאמישע שוועריקייטן און פארטיידיקונג פון אירע וויטאלע רעכט אויף קענען פריי לעבן, בויען און זיך אנטוויקלען, וועט מסתמא די „קרן היסוד" אקציע טראגן א „קרן מגן" כאראקטער, און וועט זיכער ברענגען די רעזולטאטן וואס די וועלט-עקזעקוטיווע פון דער באוועגונג, די רעגירונג פון דער מדינה און די איינוווינער פון לאנד, דערווארטן פון יעדן יידישן ישוב אויף דער וועלט.

א ג ר ו ת

אין 1952 איז צום ערשטן מאל געגרינדעט געווארן די אפטיילונג פאר לאטיינאמעריקע פון דער „באנד'ס"-ארגאניזאציע אין די שטאטן און עס איז דורכגעפירט געווארן די ערשטע גרויסצוגיקע אקציע פאר פארקויפן באנד'ס אין מעקסיקע.

די פעדעראציע האט אין יענעם יאר ניט עקזיסטירט און א פארזאמלונג פון פארשטייער פון די ציוניסטישע פארטייען האט געגרינדעט א קאמיטעט. די אקציע וועלכע האט זיך אנגעהויבן מיט גרוים ענטוזיאזם האט געהאט אן אויסערגעוויינלעכן דערפאלג און עס זיינען געשאפן געווארן גרויסע סכומים פאר די באנד'ס.

אין 1953, צוליב ארגאניזאציאנעלע טעמים פון דעם לאטיינאמעריקאנעם דעפארטאמענט אין דער באנד'ס-ארגאניזאציע אין די פאר. שטאטן, איז ניט פארגעקומען קיין באנייטע אקציע, אבער עס איז אנגעגאנגען מיט א געוויסער קאנטינואיטעט דערזעלבער קאמיטעט וועלכער האט זיך אפגעגעבן מיט איינמאנען די גרויסע פארפליכטונגען פון דער אקציע פון 1952.

אין צווייטן האלבן-יאר פון 1954 איז אויפגעשטעלט געווארן די באנד'ס-ביורא פאר מעקסיקע, צענטראל-אמעריקע און די קאריבישע אינדזלען, וואס איז געלייטעט געווארן דורך ה' שמואל נאמן פון ישראל. אויף דער איניציאטיוו פון דער ציוניסטישער פעדעראציע איז ארגאניזירט געווארן א נייער קאמיטעט. די ארבעט האט באקומען א נייעם שווונג און דער דערפאלג פון דער אקציע האט ווייט איבערגעשטיגן די גוטע רעזולטאטן פון דער אקציע אין 1952.

עס איז דערנאך געגרינדעט געווארן א געזעלשאפטלעכער קאמיטעט פאר דער אנפירונג מיט דער טעטיקייט פון דער באנד'ס-אקציע אין צענטראלן טייל פון אמעריקאנעם קאנטינענט.

די אקציע האט אויך אין די קומענדיקע חדשים געהאט דעם געעריקן שווונג און נאכדעם ווי שמואל נאמן איז באשטימט געווארן

אלם דירעקטאָר פון דער באַנד'ס-אָרגאַניזאַציע פאַר אייראָפּע, האָט די ביורא פון באַנדס דאָהי ווייטער געפירט איר אַרבעט מיט דער־פאָלג.

אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1956, ווען די לאַגע איז געוואָרן קריטיש אין ישראל און עס איז דורכגעפירט געוואָרן דער „מיבצע סיני", האָט מען אין מעקסיקע, צוליב טעמים וואָס ניט דאָ איז דער פּלאַץ צו באַהאַנדלען, נישט דורכגעפירט אַ נייע אַקציע לטובת דער מדינה. עס איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן אַ גרויסע הלוואה וואָס האָט געדאַרפט גלייך דורכגעפירט ווערן, און פון דער צוויי־טער זייט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז עס דאַרף אונטערגענומען ווערן אַ גרויסער און פאַרשטאַרקטער באַנד'ס-פאַרקויף אין די לעצטע חד־שים פון יאָר. די אַקציע פון עמערגענץ-פאַרקויף פון באַנד'ס האָט געגעבן דעם געעריקן רעזולטאַט און אַזוי אַרום נאָכמער פאַרשטאַרקט די דערפאָלגרייכע טעטיקייט פון באַנד'ס אין מעקסיקע, צענטראַ־אַמעריקע, און די קאַריבישע אינדזלען.

פאַרן יאָר 1957, וועט זיכער די באַנד'ס-אַקציע אין מעקסיקע באַקומען אַ נייעם שוווּנג און אַזוי אַרום אונטערשטרייכן די וויכ־טיקע פּאָזיציע וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכער איז אָר־גאַניזירט אין דער ציוניסטישע פעדעראַציע פון מעקסיקע, ווי אויך די פּאָזיציע פון מעקסיקאַנער יידנטום, וועלכע פאַרנעמען אויף דער מאַפּע פון דער יידישער וועלט מיט זייער פּאָליטישן באַוווּסטזיין און גרייטקייט צו טראָגן הילף דער מדינה און שטיין ביי דער זייט פון ישראל-יידנטום אין יעדע שווערע ווי אויך גוטע שעה.

פ ר ו י ע ן - אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע ס

א) ו ו י צ אָ

די וויצאָ, וועלכע עקזיסטירט שוין אין מעקסיקע פאַר אַ לענגע־רער תקופה, כאַראַקטעריזירט זיך דערמיט, וואָס זי איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט ענג פאַרבונדן מיטגלידערינס פון פאַרשי־דענע סעקטאָרן פון אונדזער ישוב. מען קען אָננעמען אַז ביי 40 פּראָ־צענט פון אַלע מיטגלידערינס פון וויצאָ אין מעקסיקע, זיינען פון די ספרדישע אָדער אַנדערע שפּאַניש-רעדנדיקע סעקטאָרן.

דער פאַקט האָט אַרויפגעלעגט אַ ספּעציעלן שטעמפּל אויף אַלע טעטיקייטן פון דער וויצ'א ווי אויך איר פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער

אָרגאַניזאַציע, כמעט דער נומעריש גרעסטער אין דער היגער ציוניסטישער באַוועגונג.

טראָץ איר נומערישער קראַפט, האָט די וויצ״א זיך ניט פאַרמאַסטן אויף פּאָליטישער אַקטואירונג, ווי די „הדסה״ אין די שטאַטן. זי גיט זיך אָפּ אויסשליסלעך אירע ספּעציפישע טעטיקייטן פון זאַמלען הילף פאַר ישראל, קינדער היימען, טראָגן הילף אַרבעטאָרינס אינסטיטוציעס אין ישראל א. א. נאָכמער. די וויצ״א אין מעקסיקע שטרייכט אונטער ביי יעדער געלעגנהייט איר אַפּאָליטישן כאַראַקטער. און זי טוט עס מיט רעכט, ווייל אין דער וויצ״א און אין יונג-וויצ״א זיינען טעטיק מיטגלידערינס פון פאַרשידענע אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען, פון מפּ״ם און ביז חירות, און עס איז מער ווי נאַטירלעך, אַז אַזא אָרגאַניזאַציע מוז שטיין פונדערווייטנס פון יעדן פּאָליטישן קאַמף אָדער געראַנגל.

די וויצ״א — צוזאַמען מיט די פרויען-פּיאָנערן — האָבן טאַקע געפאָדערט זייער פּלאַץ אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע, און האָבן באַקומען אַ פולע באַטייליקונג אין עקזעקוטיוו און אויך אַ מיטגליד אין פּרעזידיום. אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן אויסגלייכן פּאָליטישע שוועריקייטן אָדער אויפקלערן געוויסע פּאָליטישע פראַגן, שליסט זיך די וויצ״א, פון איר אייגענעם ווילן, אויס פון איינטייל אין די ספּעציעלע קאָמיסיעס, און די פראַגן בלייבן איבער אויסשליסלעך פאַר דער באַהאַנדלונג פון די פּאָליטישע פּאַרטייען.

די פּאָזיציע האָט זיך ניט אויסקריסטאַליזירט אין איין טאָג. מיר ווילן דאָ אונטערשטרייכן, אַז דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון לאַנגע חדשים און יאָרן פון זוכן אַן אויסוועג און אַ רעכטלעכן מיטל ווי אַזוי געבן די פּאָליטישע ריכטונגען די בעסטע געלעגנהייט קומען צו אַן אויסגלייך אויפן פּאַריטעטן יסוד וואָס אויף אים איז געבויט די מעקסיקאַנער ציוניסטישע פעדעראַציע.

אין איצטיקן מאָמענט איז די סיטואַציע כמעט ווי קריסטאַליזירט און קלאָר פאַר אַלע מיטגלידער פון פּרעזידיום און עקזעקוטיוו פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. ביי דער נייער פאָרמירונג פון עקזעקוטיוו און פּרעזידיום פון דער פעדעראַציע, וועט זיכער פאַרבלייבן די זעלבע פּאָזיציע פון דער וויצ״א, אויב עס וועט ניט אַרויפשווימען אַן אומפאָרויסגעזעענע שוועריקייט אין לעצטן מאָמענט.

די אַרבעט פון דער וויצ״א, האָט זיך אויסגעצייכנט פאַר די יאָרן מיט איר קאָנטינואיטעט, מיט דער אָרגאַניזירונג פון זייער אַקטיווע גרופּן פון יונג-וויצ״א, אין דורכפירן קולטור-אונטערנעמונגען, אין אַרויסגעבן אַן אייגענע וויצ״א-אויסגאַבע אין שפּאַניש ווי אויך אין יידיש, און ועל כולם, די קרוין אונטערנעמונג פון דער וויצ״א, דער יערלעכער באַזאַר, וואָס איז תמיד אַ סאָציאַל-געשעעניש אין אונד-

זער ציוניסטישע לעבן און אין ישוב בכלל, וואָס טראָגט אריין גרוי־סע סכומים געלד לטובת ישראל און איז אויך אַ פלאַץ פון פאַרוויי־לונג און קינסטלערישע אויפירונגען.

די וויצ׳א איז אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון היגן ציוניסטישן אָרגאַניזירטן לעבן, און שטעלט מיט זיך פאָר אַ שיינע דערגרייכונג פון דער יידישער פרוי אין מעקסיקע.

ב) פרויען־פיאָנערן

די „פרויען־פיאָנערן" אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט שוין לענגער אין מעקסיקע, און דאַרף פאַרעכנט ווערן פאַר די עלטסטע ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע. זי איז אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט און אויך זיך אַנטוויקלט, אַזוי ווי וויצ׳א און דערגרייכט שיינע רעזולטאַטן. אין „פרויען־פיאָנערן" זיינען ניטאָ קיין ספרדישע פרויען. זיי גיבן אויך ניט אַרויס קיין אייגענע צייטונג. זיי פירן אָבער אַ רעגולערע טעטיקייט, קולטור אונטערנעמונגען, נעמען זייער אַקטיוו איינטייל אין די אַרבעטן פון „קרן היסוד" און פון קהק׳ל, זיי האָבן זייערע רעפּרעזענטאַנטינס אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע, און ווערן אויך איצט זיין רעפּרעזענטירט, צוגלייך מיט וויצ׳א, אין דער אשכנזי־שער קהלה מיט איין זיץ־אָרט אין קהלה־ראַט.

אויך ביי דער „פרויען־פיאָנערן" אָרגאַניזאַציע איז דער יערלע־כער באַזאַר די קרוין־אונטערנעמונג פון אַ יאָר טעטיקייט און נעמט צו זייער פיל ענערגיעס און מי. די רעזולטאַטן זיינען אָבער תמיד פּאָזיטיווע און גרעסערע סכומים ווערן איבערגעשיקט צו דער „מועצת הפועלות" אין ישראל. די „פרויען־פיאָנערן" — ווי אויך די וויצ׳א — האָבן אויפגעבויט קינדער היימען אין ישראל, און טראָגן ביי כסדר צו זייערע בודזשעטן.

די „פרויען־פיאָנערן" אָרגאַניזאַציע איז אַ טייל פון דער היגער „פועלי־ציון — צעירי־ציון" (מפא׳י) פאַרטיי אין וועלכער זיי זיינען אָנגעשלאָסן אידעאיש. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז אָרגאַניזאַציאָנעל בילדן זיי אַ באַזונדערע ציוניסטישע גרופּירונג און זיינען פולשטענ־דיק אויטאָנאָם אין זייערע אַקטיוויטעטן.

אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע האָט זיך די וויצ׳א אָפּגע־זאָגט פון איינטיילנעמען אין ריין פּאָליטישע אַקטיוויטעטן און אונ־טערהאַנדלונגען, ווייל ווי געזאָגט, איז זי אַפּאָליטיש. עס איז דערי־בער געקומען צו אַ הסכם, אַז יעדע ריין פּאָליטישע פראַגע וועט באַהאַנדלט ווערן אויסשליסלעך אין די ראַמען פון די זעקס פּאָליטי־שע פאַרטייען. דער פּרינציפּ איז אָפּגעהיט געוואָרן די גאַנצע צייט

אין דער פעדעראַציע און איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס כמעט תמיד איז געפונען געוואָרן אַ וועג פאַר אַ הסכם אין די פאַרשידענע פראַגן וועלכע זיינען געשטאַנען אויפן סדר היום פון דער פּאָליטי־שער אַקטיוויטעט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין מעקסיקע.

פאַרשידענע ציוניסטישע און פּראָ־ישראל גרופּירונגען

אין אָריגינעלן פּלאַן פון דער פעדעראַציע, איז געווען פאָרויס־געזען אַ „ראַט" פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און גרופּי־רונגען אין מעקסיקע, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַ געוויסער טע־טיקייט לטובת מדינת ישראל אָדער אינסטיטוציעס אין דער מדינה. דער פּלאַן, איז צוליב פאַרשידענע סיבות, ניט רעאַליזירט געוואָרן. די עיקר פראַגע איז געווען: ווער וועט האָבן דאָס לעצטע דעצידירנ־דיקע וואָרט אין אַלע ציוניסטישע און פּאָליטישע ענינים פון מעק־סיקאַנער ציוניזם? עס זיינען אויך געווען אַנדערע סיבות, פון פער־זענלעכן און פּאָליטישן כאַראַקטער, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז דער „ראַט" איז קיינמאָל ניט אָרגאַניזירט געוואָרן.

די ציוניסטישע פעדעראַציע איז אָבער געשטאַנען מיט אַ סך גרופּירונגען אין אַן ענגן קאָנטאַקט און געוויסע גרופּן באַטראַכטן זיך ווי אַ טייל פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. מיר וועלן אין קורצע שטריכן מאַכן אַן איבערזיכט איבער די וויכטיקסטע אינסטי־טוציעס, וואָס טוען אַ געוויסע אַרבעט אין מעקסיקע, כדי אַרויס־ברענגען די אַלזייטיקייט און פילפנים׳דיקייט פון דער היגער ציוניס־טישער באַוועגונג.

א) „ברית עברית עולמית"

די העברעאישע באַוועגונג האָט זיך פאַקטיש אָנגעהייבן אין מעקסיקע מיט דער אַנטשטייאונג פון דער „תרבות"־שולע ביי דער „פאַראייניקטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע". גלייך נאָכדעם, זיינען די לערער און די אָנהענגער פון „תרבות" געוואָרן אַ קעמערל פאַר העברעאישער אַקטיוויטעט. אַזוי אַרום האָט אָנגעהויבן זיין טעטי־קייט דער „חוג עברי" אין מעקסיקע. ער האָט געהאַט יאָרן פון שטאַרקערער אַקטיוויטעט און יאָרן פון שוואַכערער טעטיקייט. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז די עקזיסטענץ פון „חוג עברי" איז קיינמאָל ניט אונטערבראָכן געוואָרן. דערנאָך איז דער „חוג עברי" פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ „מרכז עברי" און דאָ לעצטנס, מיטן אָנקום פון שליח פון „ברית עברית עולמית" דר. ראָזענפעלד, האָט זיך דער

„מרכז עברי" פאַרוואַנדלט אין אַ סניף פון „ברית עברית עולמית" און מיט דער הילף פון שליח און פון אַ גרעסערן קאָמיטעט זיינען אונ־טערגענומען געוואָרן זייער אינטערעסאַנטע טעטיקייטן פאַר עברית, אוונט־קורסן, אַ „מועדון עברי", וועלכער איז טעטיק יעדן דינסטיק און אַ לערער־צוזאַמענפאָר וועלכער האָט באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון דערציונג און פון מאַכן אַריינדרינגען די העברעאישע שפּראַך אין דער היגער דערציערישער ווירקלעכקייט, און פיל אַנדערע אונטערנעמונ־גען, צוזאַמענקונפטן און רעפעראַטן.

די „ברית עברית עולמית" האָט זיך אַנגעשלאָסן אָפיציעל אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע פון מעקסיקע און זי ווערט סובסי־דיעס דורך איר. דאָס איז איינע פון די וויכטיקערע אויפטוען אויפן געביט פון פאַרשפּרייטן די העברעאישע שפּראַך אין מעקסיקע. די פעדעראַציע האָט עס דערגרייכט דורך דעם „ברית עברית עולמית" און אַזוי אַרום איז אויסגעפילט געוואָרן אַ בלויז אין דער טעטיקייט פון דער פעדעראַציע פאַר די לעצטע דריי און אַ האַלב יאָר פון איר עקזיסטענץ.

ב) דער קאָמיטעט פאַר דער העברעאישער אוניווערסיטעט

דער קאָמיטעט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, איז געווען די גאַנצע יאָרן אַ געזעלשאַפט מיט באַגרע־נעצטע אויפגאַבן. די געזעלשאַפט האָט פאַרמאַגט בעיקר פרויען־מיטגלידערינס און אַ פרוי איז כמעט תמיד די פּרעזידענטין פון דעם קאָמיטעט. זייער אויפגאַבע איז געווען צו זאַמלען געלד פאַר דער אוניווערסיטעט, מאַכן אונטערנעמונגען, ספּעציעל אַ יערלעכן באַל, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַ געוויסע סומע וועלכע איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין ישראל יאָר־יערלעך. פון צייט צו צייט איז געקומען אַ גאַסט פון דער אוניווערסיטעט, און דאַן האָט זיך געמערקט אַ געוויסע אויפלעבונג אין דער אָרגאַניזאַציע. זיי שאַפן אויך „בעקאַס" פאַר אָרעמע סטודענטן און פאַרנעמען זיך אויף פאַרשידענע וועגן צו טראָגן הילף דער אוניווערסיטעט.

עס איז קלאָר, אַז די פרויען האָבן געטאָן זייער אַ גוטע אַרבעט אין די ראַמען וועלכע זיינען זיי אַנגעצייכנט געוואָרן. אָבער די גע־זעלשאַפט האָט קיינמאָל זיך נישט אַנגעשלאָסן אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע און די פעדעראַציע האָט איר קיינמאָל נישט באַטראַכט פאַר אַ וויכטיקן קולטור־פאַקטאָר אין אונדזער ישוב. די וואָס האָבן געגרינדעט די געזעלשאַפט פאַר דער העברעאישער אוניווערסיטעט, האָבן גלייך איר אַוועקגעשטעלט אויף נישט קיין פּאָזיטיווע יסודות. לאָמיר אויפקלערן אין קורצן פאַרוואָס.

די העברעאישע אוניווערסיטעט — וואָס עס זיינען דאָ פאַרשי־דענע מיינונגען מכוח איר אידעאישן אינהאַלט און גייסט וואָס ערשט ספּעציעל אין פאַקולטעט פאַר הומאַניסטישע וויסנשאַפטן — איז פאַרן גלות, און פאַר דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג, אַ שילד, אַן עלעמענט וואָס שאַפט כבוד און אַנזען דעם יידישן פאָלק אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט.

פון דער צווייטער זייט, איז די אוניווערסיטעט, מיט איר עצם עקזיסטענץ, אַ פאַקטאָר, וואָס האָט געדאַרפט קאָנצענטרירן אַרום זיך די בעסטע אינטעלעקטועלע און וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישע כוחות פון אַ ישוב, אַווו די געזעלשאַפט זאָל ווערן אַ צענטער פאַר פאַרבינדונג מיט דער אוניווערסיטעט, ניט נאָר דורך הילף, נאָר אויך דורך גייסטיק־וויסנשאַפטלעכער אָפּווירקונג.

דערמיט וואָס מען האָט פאַרוואַנדלט די געזעלשאַפט פאַר דער־העברעאישער אוניווערסיטעט אין אַ קאָמיטעט וואָס טראָגט נאָר הילף די נויטבאַדערפטיקע סטודענטן, האָט ער אָנגענומען אַ וווילטעטיקן כאַראַקטער, טאַקע פון בעסטן סאָרט, אָבער ניט מער ווי דאָס.

עס איז אויסגעדריקט געוואָרן, ביי געוויסע געלעגנהייטן, ביי די זיצונגען פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, די מיינונג, אַז מען וואָלט געדאַרפט איבערבויען און אויסברייטערן די גאַנצע טעטי־קייט פון קאָמיטעט פאַר דער העברעאישער אוניווערסיטעט. עס וואָלטן געדאַרפט איינגעפירט ווערן די פאָלגנדע ענדערונגען, וועל־כע מיר וואַרפן דאָ אָן אין אַלגעמיינע שטריכן:

1) פאַרוואַנדלען די געזעלשאַפט פאַר דער העברעאישער אוני־ווערסיטעט אין אַ צענטער פון ישראל־פאָרשונג אויף אַלע געביטן פון לעבן און פון דער וויסנשאַפט פאַרן מעקסיקאַנער אינטעליגענטן עולם.

2) צוציען אין דער געזעלשאַפט אַלע יידישע לערער, אינטעלעק־טואַלן, שרייבער און זשורנאַליסטן, וועלכע זאָלן מיטאַרבעטן פאַר פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט ביים יידישן עולם, און גאָר ספּעציעל ביים דור פון די יונגע סטו־דענטן.

3) דער דאַמען־קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט זאָל ווייטער פאַר־בלייבן אין זיין צוזאַמענשטעל און פאָרם פון אַרבעט, וואָס האָט זיין גרויסע ווערט און וויכטיקייט אַן־און־פאַר־זיך.

4) שאַפן אַ קרייז פון מעקסיקאַנער און יידישע אינטעלעקטואַלן, וואָס זאָל זיין טאַקע באַגרענעצט אין דער צאָל און זאָל אויספילן אַ פונקציע פון צוזאַמענטרעף צווישן די צוויי טיילן און אַוו עס ווערט

דערמעגלעכט ווערן צו באאיינפלוסן די מעקסיקאנער אינטעלעק־טואלן און פראפעסארן לטובת דעם געדאנק פון ענגערער קולטורע־לער און וויסנשאפטלעכער קאאפעראציע.

5) ארגאניזירן און פראפאגאנדירן ביי דער היגער סטודענטנ־שאפט, ספעציעל ביי די וואס ענדיקן די „פרעפאראטאריעס", זיי זאלן פארן לערנען קיין ישראל, אין דער העברעאישער אוניווערסיטעט (אדער אין „טכניון" אין חיפה). ניט וויכטיק די צאל פון די יוגנט־לעכע וואס וועלן פארן ווייל מען וועט דערגרייכן א געוואלדיקע זאך, ווען יעריערלעך וועלן פארן, — א יאר מער א יאר ווייניקער — יידי־שע סטודענטן קיין ישראל. קען זיין אז א טייל פון זיי וועט פאר־בלייבן אין לאנד. אויב ווידער א גרויסע טייל וועט צוריקומען, וועלן מיר אויך האבן דערגרייכט א גרויסע זאך, ווייל די געענדיקטע מע־דיקער, אינזשיניערן, כעמיקער און טיטולירטע אויף פארשידענע גע־ביטן פון הומאניסטישן וויסן, וועלן צוריק קומען ווי גייסטיקע מנהי־גים אין יעדן ישוב און וועלן מיט דער צייט אויסהיבן איינעם פון די וויכטיקסטע און פרוכטבארסטע איינפלוסן אויף די ישובים אין וועלכע זיי וועלן זיך צוריקערן. זיי וועלן אויך קענען בילדן קעמער־לעך, פאר די געמיינזאמע גרופעס מעקסיקאנער און יידישע אינטע־לעקטואלן, וואס וועלן באררייכערן דעם קאנטאקט און דעם קולטור־אויסטויש צווישן די מעקסיקאנער און ישראל אינטעלעקטואלן. עס איז איבעריק דא צוצוגעבן דעם גרויסן געווינס וואס דער ישוב פון מעקסיקע וועט האבן סיי אינערלעך, ווי אויך אויסערלעך, פון די צוריקגעקומענע טיטולירטע וויסנשאפט-מענער פון די העכערע ביל־דונגס-אינסטיטוטן אין ישראל.

6) דער דעפארטאמענט פאר פאליטישער אויפקלערונג ביי דער ציוניסטישער פעדעראציע וועט בלי ספק באקומען אין אזא „געזעל־שאפט פאר דער העברעאישער אוניווערסיטעט" די גרעסטע שטיצע און הילף פאר רעאליזירן פונקציעס פון דערנענטערונג און געזעל־שאפטלעך-אינטעלעקטועלער השפעה וואס קען זיין א ברכה פאר די פאליטישע באציונגען צווישן מעקסיקע און ישראל.

ג) „טכניון"-געזעלשאפט

די געזעלשאפט „טכניון" פון מעקסיקע, איז געגרינדעט געווארן מיט יארן צוריק, ווי אן ארגאניזאציע, וואס האט געדארפט ארומנע־מען אלע ארכיטעקטן און אינזשיניערן פון מעקסיקע און זיי פאר־אינטערעסירן מיט הילף, ווי אויך וויסנשאפטלעכע מיטארבעט מיטן „טכניון" פון חיפה. עס זיינען דערנאך געמאכט געווארן אייניקע

פרווון אויסצוברייטערן די טעטיקייטס-געביטן פון דער געזעלשאַפט, זי זאָל זיך אויך פאַרנעמען מיט לאָקאַלע פּראָבלעמען פון פּראָפע-סיאָנעלן כאַראַקטער פאַר די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע.

עס איז אַ פאַקט, אַז „טכניון" דאָהי האָט געהאַט נאָר אַ קורצע תקופה פון אַ געוויסער רעגולערער אַקטיוויטעט, און דאָס איז גע-ווען מיט אייניקע יאָרן צוריק, און דערנאָך איז זי פאַרוואַנדלט גע-וואָרן אין אַ געזעלשאַפט וואָס לעבט מיט אַ געוויסער אינערציע און האָט נישט קיין ברייטערן געזעלשאַפטלעכן אָפּקלאַנג.

ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט מיט אַ צייט צוריק וועגן אָרגאַני-זירן די טעטיקייט פאַר פאַטוו'א, איז געווען זייער שווער זיך צו פאַרבינדן מיט אַ פאַרוואַלטונגס-מיטגליד פון „טכניון" און דאָסזעל-בע איז געשען מיט דער מעדיקער געזעלשאַפט „ארם מעדיצי". מיר גלויבן, אַז „טכניון" אין מעקסיקע, האָט ניט געפונען דעם ריכ-טיקן אָפּקלאַנג אין היגן ישוב, ווייל זי האָט אויף זיך ניט גענומען קיין קאָנקרעטע אויפגאַבן, ניט וואָס שייך הילף פאַרן „טכניון" אין חיפה, און ניט אין אָרגאַניזירן די היגע גרעסערע גרופּע אַרכיטעקטן און אינזשיניערן. זיי האָבן אויך ניט אָרגאַניזירט קיין דאַמען-קאָ-מיטעט, וואָס האָט זיכער געקענט פיל מער לייסטן ווי מענער לטובת פּראַקטישער הילף פאַרן „טכניון" אין חיפה. אוי-סערדעם איז „טכניון" דאָהי געווען לחלוטין אָפּגעריסן פון יעטוועדן קאָנטאַקט מיט דער היגער ציוניסטישער באַוועגונג. דער קאָמיטעט פאַרן העברעאישן אוניווערסיטעט איז נאָך געקומען צום ציוניסטישן טיש און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן האָבן זייערע פאַרשטייערינס באַקומען די הילף פון דער פעדעראַציע, אַ זאַך, וואָס איז קיין איין מאָל ניט געווען דער פאַל מיט דער געזעלשאַפט „טכניון".

עס איז אונדזער מיינונג, אַז מיט דער אויסברייטערונג פון דער ראָם פון די ציוניסטישע פעדעראַציעס, וואָס וועט ביים איצטיקן מאָמענט געפּלאַנט און אויסגעאַרבעט דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע ביים ציוניסטישן אַקציאָנס-קאָמיטעט אין ירושלים, וועלן אַזעלכע געזעלשאַפטן ווי „טכניון", אָדער קאָמיטעטן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אַרבעט פאַר ישראל ווי דער דאַמען-קאָמיטעט ביים היגן „אָזע" וואָס ווידמעט אַלע זיינע ענערגיעס לטובת דער „אָזע"-טעטיקייט אין מדינת ישראל, אָדער ווי דער קאָמיטעט פאַר בלינדע, וואָס איז דאָ טעטיק, אָדער אויך דער קאָמיטעט פאַרן „בית היתומות הכללי בירושלים" וואָס איז דאָ געגרינדעט געוואָרן מיט אַ קורצער צייט צוריק, וועלן געפינען זייער פּלאַץ אין ברייטערן ראַט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און אַזוי אַרום אַריינגעפלאָכטן ווערן אין

דער היגער ציוניסטישער ווי אויך פרא־ישראל טעטיקייט. עס וועט דאן מעגלעך זיין געבן די פולסטע שטיצע, קאארדינירן טעטיקייטן, אדער גאר באוויגן געוויסע געזעלשאפטן זיי זאלן ניט פארנאכלע־סיקן זייערע התחיבות׳ן לגבי דער אדער אנדערער אינסטיטוציע וואס איז טעטיק אין ישראל. פון דער לאגע וועט זיך אויסקריסטא־ליזירן א געוויסע געזעלשאפטלעכע סטאביליטעט אין דער אקטואי־רונג און טעטיקייטן, וואס וועט איבערוואכט ווערן דורך דער ציו־ניסטישער פעדעראציע, וועלכע איז די איינציקע וואס איז ביכולת צו געבן די געעריקע ריכטליניעס פאר יעדער אקטיוויטעט וואס ווערט אנטוויקלט לטובת מדינת ישראל.

זאל ביי דער געלעגנהייט דערמאנט ווערן נאך א געזעלשאפט, וועלכע האט געקענט האבן א געוויסן אפקלאנג אין אונדזער ישוב, אבער האט ניט פראספערירט, ווי עס איז געווען צו האפן. דאס איז געווען דער קאמיטעט לטובת די ישראל אינסטיטוציעס, וואס הער נארמאן האט געגרינדעט אין די פאר. שטאטן. דער קאמיטעט איז דא צוויי מאל ארגאניזירט געווארן, ווי א פיליאלע פון „אמעריקא־נער קאמיטעט פאר ישראל־אינסטיטוציעס״ אין די שטאטן, אבער ביידע מאל איז עס געווען א קיקיון־קאמיטעט וואס איז גלייך פאר־דארט געווארן נאכדעם ווי דער דעלעגאט האט פארלאזט דאס לאנד.

ד) "עלית הנוער" קאמיטעט

די ציוניסטישע פעדעראציע אין מעקסיקע האט געהאט אין דער פראגע פון קאמיטעט פאר "עלית־הנוער" א שווערע פראבלעם פון ארגאניזאציאנעלן און קאארדינירונגס־כאראקטער, וואס איז ליידער ביז היינט ניט געלעזט געווארן. מיר האלטן פאר וויכטיק ביז גאר ארויסצוברענגען אין דעם באריכט די פראגע, וואס מוז געפונען א לעזונג ניט נאר אין מעקסיקע, נאר אין אלע לענדער פון דער וועלט. ווייל מיר גייען ארויס פון דער הנחה, אז אין מעקסיקע זיינען ניט פאראן אין דעם פרט קיין ספעציפישע באדינגונגען, און דער לייטער פון דער מחלקה אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע מר משה קול, האט עס אליין אונטערגעשטראכן ביי אונדזער טיש, ווען די פראגע איז מיט אים גרינטלעך באהאנדלט געווארן.

די אפטיילונג פאר „עלית הנוער״ אין מעקסיקע — דערנאך איז די ביורא אויסגעברייטערט געווארן אויך פאר צענטראל־אמעריקע — איז ארגאניזירט געווארן אין א צייט, ווען עס איז נאכניט גע־גרינדעט געווארן די ציוניסטישע פעדעראציע אין איר איצטיקן צו־זאמענשטעל. די מחלקה אין ירושלים, האט דא נאמינירט אן אנ־

פירער פון דער אָפּטיילונג, און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קאָ־מיטעט אויפן יסוד פון פערזענלעכער פאַרפליכטונג. דער קאָמיטעט פאַר „עלית הנוער" האָט דורכגעפירט אונטערנעמונגען לטובת דאָס יידישע קינד אונטער דער לאָזונג פון „יום הילד", וואָס האָט געהאַט אין דער ערשטער ריי אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן דערפאָלג פאַרן געדאַנק פון „עלית הנוער" און איז אויך געווען אַ ציוניסטישע מאַניפעסטאַ־ציע, וואָס האָט אַריינגעבראַכט ממשות'דיקע מיטלען לטובת דער גרויסער אונטערנעמונג פון איבערפירן ייִנגע בחורים און מיידלעך קיין ישראל, זיי זאָלן דאָרט זיך לערנען און אויך אַרבעטן אין קינ־דער געזעלשאַפטן, ביי קיבוצים אָדער אין ווירטשאַפטן־שולעס, ביז זיי ווערן זעלבסטשטענדיק און פאַרוואַנדלען זיך אין נוצ־לעכע בירגער פאַרן לאַנד.

די אונטערנעמונג פון „יום הילד" איז דערנאָך פון זיך אַליין אונ־טערגעגאַנגען. עס האָט איר געפעלט דערציערישער אינהאַלט און עס האָט אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַ באַזאַר לטובת די קינדער, וואָס האָט געזוכט, אין דער ערשטער ריי, הכנסות. עס וואָלט אויך ניט געווען קיין חסרון, ווען די „יום הילד" אונטערנעמונגען וואָלטן אָפּ־געהיט אַ מינימום פון אַ ישראל־כאַראַקטער. דאָס איז אָבער פול־קאָם פאַרשוווּנדן געוואָרן, ווייל עס האָט זיך פאַרענדיקט מיט בע־לער (אַזוי גערופענע „ביילעס") פאַר דער יוגנט, אַוווּ עס איז זיך געקומען ווײַלן דער סאָרט יוגנטלעכע דאַהי, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואָלט נעמען אויף זיך התחיבות'ן לגבי דעם יידישן פאָלק, דער ציוניסטישער באַוועגונג, און שפּעטער, אפילו ניט לגבי דער מדינה. דאָס האָט אַרויסגערופן קריטיק און אַ ווידערווילן איינטייל־צו־נעמען אין די אונטערנעמונגען פון „יום הילד", וועלכע האָבן ניט געדאַרפט ווערן אַ פּלאַץ פאַר פאַרווײַלונגען פון ביליקן סאָרט, אָן קיין שום באַמיונג אויפצוהאַלטן אַ געוויסן ישראל'דיקן כאַראַק־טער, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען צום אויסדרוק דאָס לעבן, צו וועלכן אַלע איינטיילנעמער פון די „יום הילד" פייערונגען האָבן געוואָלט שיקן קינדער פון דער גאַנצער וועלט און אויך פון מעק־סיקע.

דערנאָך, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייער קאָמיטעט פאַר „עלית הנוער" איז עס געמאַכט געוואָרן אויסער דער ראַם פון דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער באַוועגונג, און אַזוי אַרום איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג, וואָס קיינער האָט איבער איר ניט געהאַט קיין עפעקטיוון קאָנטראָל.

אין די געגעבענע באַדינגונגען, ווען פּריוואַטע מענטשן, האָבן אין אַ פּריוואַטער הויז, געמאַכט אַ פּריוואַטע אויפנאַמע, פאַרן מיט־

גליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע משה קול, איז די ציוניס־טישע פעדעראַציע געווען דאָרט פאַרטראָטן ווי אַן אָבסערוואַטאָרין, נאָר צוליבן כבוד פון אַנוועזנדיקן עקזעקוטיוו־מיטגליד. מען האָט גע־ווילט אַ קאָמיטעט, ווו אַלע פּאָסטנס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו פיינע יידן פון שטאָט און גוטע ציוניסטן, און אַ פּאָסטן פון אַ צווייטן וויצע־פּרעזידענט איז — אויס פיינקייטס וועגן — איבער־געלאָזט געוואָרן פאַר דער ציוניסטישער פעדעראַציע. זעלבסטפאַר־שטענדלעך, די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט עס קיינמאָל ניט אָנ־גענומען, און עס איז קיינמאָל ניט דעלעגירט געוואָרן קיין פאָר־שטייער אין קאָמיטעט פאַר „עלית־הנוער".

ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען משה קול האָט געוויילט ווידעראַמאָל אין מעקסיקע, איז אויפגענומען געוואָרן די פּראָבלעם מיט אים אין אַן אָפענער דיסקוסיע, אין וועלכער ער איז ווידער געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז צוליב פּראַקטישקייט פון דער אַרבעט, צוליב דער נויטווענדיקייט צוצוציען ניט־ציוניסטישע און אפילו ניט־יידישע גרופּירונגען און יחידים צו דער וויכטיקער אַר־בעט, איז לכל הדעות געווונטשן, אַז דער קאָמיטעט פאַר „עלית הנוער" אין אַלע לענדער, זאָל שטיין אויסער דער אָרגאַניזירטער ראַם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און זאָל אַרבעטן אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון די אָרטיקע ציוניסטישע פעדעראַציעס.

אין דער ברייטער דיסקוסיע איז אויפגעקלערט געוואָרן אונד־זער שטעלונג דעם עקזעקוטיוו־מיטגליד משה קול וואָס מיר ווילן דאָ אין דעם באַריכט איבערגעבן אין קורצע פעסטשטעלונגען:

1) עס איז אומדענקבאַר, אַז אַן אָפּטיילונג פון דער ציוניסטי־שער וועלט־עקזעקוטיווע, וואָס איז אַן אומאָפּטיילבאַרער עלעמענט פון דער גאַנצער טעטיקייט פון דער באַוועגונג, זאָל אין דער וועלט־צענטראַלע יאָ זיין אינערהאַלב דער באַוועגונג און איר אָרגאַניזיר־טער ראַם, און אין אַלע לענדער פון דער וועלט, זאָל ער זיך געפינען אויסער דער ראַם פון אָרגאַניזירטן ציוניזם.

2) די „עלית הנוער" טעטיקייט איז אַ וועזנטלעכער טייל פון דער ציוניסטישער טעטיקייט, און מ׳קען עס ניט געבן אַ האַלב־פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער. ווען מ׳נעמט צו פון דער טעטיקייט די חלוציש־דערציערישע עלעמענטן, און מען פאַרטושט זיי, אָדער מען פאַרשווייגט זיי אינגאַנצן, ווערט דערמיט געשאַפן אַן אָפּנויג אין דער אַרבעט פון דעם וויכטיקן דעפּאַרטאַמענט אין דער ציוניסטי־שער וועלט־באַוועגונג.

3) די ציוניסטישע פעדעראַציע קען ניט אַקצעפּטירן אַז די „יום הילד" פייערונגען זאָלן טראָגן דעם כאַראַקטער וואָס זיי האָבן באַ־

קומען דאָהי, ווייל עס איז קעגן יעדן חלוציש-בויענדיקן און ציוניסטיש-דערציערישן אינהאַלט פון אונדזער באַוועגונג.

4) די ציוניסטישע פעדעראַציע שטעלט זיך ניט פאַר ווי אַזוי עס קען געפירט ווערן אַזאַ וויכטיקע טעטיקייט אויסער די ראַמען פון דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער באַוועגונג. אין אַזאַ פאַל, קען זי ניט טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער טעטיקייט פון „עלית הנוער" אין מעקסיקע, ווייל זי פאַלט ניט אונטער דער אויפזיכט און קאָנטראָל פון דער געאייניקטער ציוניסטישער מחנה פון לאַנד.

5) עס מוז זיין קלאָר, אַז אַזוי ווי „קרן היסוד", די יוגנט באַוועגונגען און אַלע אַנדערע ציוניסטישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס, נעמען אויף זיך פרייוויליק די אויפזיכט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, איז אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דווקא „עלית-הנוער" זאָל אַרויספאַלן פון דער אַנגענומענער נאָרמע פון ציוניסטישער קאָאָרדינאַציע.

6) עס איז ניט פאַראַן קיין שום סתירה אין דעם טעטיקייט פון „עלית הנוער" אינערהאַלב ניט-ציוניסטישע און אפילו ניט-יידישע קרייזן, און איר דירעקטע אָנגעהעריקייט צו דער ציוניסטישער פעדעראַציע. איינס דאַרף ניט אויסשליסן דאָס צווייטע. גראַד פאַרקערט, ווייל די „עלית הנוער" פירט איר טעטיקייט אין אַזעלכע ברייטע און פאַרשידנאַרטיקע קרייזן, איז עס פון דער גרעסטער וויכטיקייט, אַז דאָס זאָל געמאַכט ווערן אונטער דער אויפזיכט פון דער ציונ. פעדעראַציע. ניט איין פאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן דערפאָלג וואָלט מען געקענט דערגרייכן אין קריטישע פאָליטישע תקופות פאַר דער מדינה, ווען מיר וואָלטן געווען ביכולת צו האָבן אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט מענטשן פון די אומות-העולם, וואָס האָבן געאַרבעט לטובת „עלית-הנוער" און זיי וואָלטן געהאַט אַ פילבאַרערן אויער פאַר אונדזערע פּראָבלעמען, ווען עס וואָלט געקומען די צייט און מיר וואָלטן זיך גענוציקט אין זייער פאָליטיש-מאָראַלישע שטיצע. ליידער, איז אין מעקסיקע, קיינמאָל ניט געטאָן געוואָרן די אַרבעט צווישן די ניט-יידישע קרייזן, און עס איז נאָך ווייניקער באַרעכטיקט דאָס וועלן דווקא שטיין אויסער די ראַמען פון דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער באַוועגונג.

7) אַלם רעזולטאַט דערפון האָט די ציוניסטישע פעדעראַציע אייגשטימיק באַשלאָסן, אַז זי שיקט ניט אַריין קיין וויצע-פּרעזידענט אין דעם קאָמיטעט פאַר „עלית הנוער". זי האַלט אַז דאָס דאַרף זיין אַ דעפּאַרטאַמענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און אונטערפאַלן די דירעקטע קאָנטראָל און קאָאָרדינירונגס-טעטיקייט פון מעקסיקאַנער אָרגאַניזירטן ציוניזם.

ביז היינט איז ליידער נים אריינגעקומען קיין ענדערונג אין דער לאגע. עס איז די מיינונג אונדזערע, אז די „עלית הנוער" טעטיקייט האט געליטן פאר די לעצטע יארן דערפון, וואס עס איז געווארן אן אומאפהענגיקע אלגעמיינע געזעלשאפט. זי האט ניט גערופן קיין איין קאנפערענץ, ניט געהאט קיין איין רעפעראט, זיך ניט געוואנדן קיין איינמאל אין דער פעדעראציע — אויסער די פארמעלע איינ־לאדונגען צו די פאר אונטערנעמונגען פון „יום הילד" — וועגן אוים־ארבעטן א פלאן פאר דער טעטיקייט פון „עלית הנוער" דאה', וואס זאל דעבאטירט ווערן דורך אלע פארטייען און עס זאלן אנגענגעבן ווערן ריכטליניעס פאר אן אלזייטיקער און פילפאסטישער טעטי־קייט.

מיר האלטן די פראבלעם פאר זייער וויכטיק פארן גורל פון דער ארבעט אין מעקסיקע, וואס האט אין די לעצטע יארן ניט געגעבן די געעריקע רעזולאטן. מען האט כמעט ווי ניט געהערט פון דער טעטיקייט פון „עלית הנוער" קאמיטעט אויסער פון באצאלטע ביור־לעטינען אין דער פרעסע, וואס זיינען אויך ניט געווען צו אפטע.

די פראגע שטייט צו דער דיסקוסיע און מיר מוזן דערפאר גע־פינען די איינציקע לעזונג וואס איז דענקבאר: איינפלעכטן פולקאם די טעטיקייט פון „עלית הנוער" אין די ארטיקע ציוניסטישע פע־דעראציעס. אויב מען ארבעט שוין יא אזוי טיכטיק וועגן ארגאני־זאציאנעלן איבערבוי פון דער ציוניסטישער וועלט־באוועגונג, טאר מען ניט איבערלאזן אזא אנאכראניזם אין אונדזער באוועגונג, ווי א פריוואט־געזעלשאפט פון איינעם פון די וויכטיקסטע דעפארטאמענטן פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

ה) די „תרבות" שולע

פאקטיש, וואלט דער באריכט אין דעם פלאץ געדארפט האבן די אפטיילונג פון קאפיטל „חינוך־וועזן" אין מעקסיקע און דער איינ־פלוס פון דער ציוניסטישער באוועגונג אויף אים. מיר ווענדן אבער אן די דערוקטיווע מעטאדע, ארומרעדנדיק דעם אויסשטראל פון דער העברעאישער „תרבות"־שולע, ווי א ביישפיל פון ציוניסטישער דער־ציונג און איינפלוס אויף דער היגער דערציונג אין אלגעמיין. און טראצדעם, וואס דער חינוך־וועזן פון מעקסיקע, איז איינער פון די אנטוויקלטסטע, אמבעסטן ארגאניזירטע, און אויסגעפארמירט אין פול־קאמע טאג־שולעס מיט דעם פולן רעגירונגס־פראגראם און אונדזערע אייגענע לימודים, וועלן מיר דאך ארומרעדן אין דער ערשטער ריי די פראבלעמען פון דער „תרבות" שולע — ווי אויך פון די העברע־אישע שולעס פון די אנדערע קהלות פון די ספרדים און אראביש־

ריידנדיקע יידן — געמענדיק עס ניט ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר דער אַנטוויקלונג פון היגן חינוך, נאָר ווי אַ טראַג־כוח אין דער אויספאָרמירונג פון אַ נייעם טיפּ־תלמיד אין דער היגער מעקסיקאַנער ווירקלעכקייט.

די „תרבות״־שולע פון מעקסיקע, איז אַנטשטאַנען אין 1942, און איז געווען אַ טייל פון דער „פאַראייניקטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע״. חברים פון „השומר הצעיר״ זיינען געווען די אָרגאַניזירער און די לערער־כוחות אין די ערשטע פינף דעצידירנדיקע יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער העברעאישער שולע אין מעקסיקע.

ווען די „פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע״ איז אויפגעלעזט געוואָרן אין 1947, איז די „תרבות״־שולע געבליבן ביי דער „הסתדרות ציונית״ אין מעקסיקע. זי איז אָבער ניט געווען אויסשליסלעך רעזערווירט פאַר שול־טוער אַלגעמיינע ציוניסטן, ווייל טראַצדעם וואָס די שולע האָט געהערט צו זיי, האָבן זיי דאָך צוגעצויגן יעדן איינעם, וואָס איז געווען גרייט מיטצואַרבעטן לטובת דער העברעאישער דערציונג אין מעקסיקע. חברים פון מפא״י, רעוויזיאָניסטן א. א. האָבן די גאַנצע יאָרן איינטייל־גענומען אין דער אַרבעט פון דער שולע, איר אויסהאַלט און איר אויספאָרמירונג.

עס איז אַ פאַקט, אַז מיט דער אַנטשטייאונג פון דער „תרבות״־שולע, האָט זיך אָנגעהויבן די קריסטאַליזאַציע פון דערציערישע ריכטונגען און „אני־מאמינ׳ס״ אין מעקסיקע. ביזן יאָר 1942, האָט עקזיסטירט נאָר די יידישע שולע אַליין. נאָכדעם, איז גלייך מיט „תרבות״ געגרינדעט געוואָרן די „יבנה״־שולע, און אין אַ יאָר־צוויי אַרום זיינען אַנטשטאַנען די „תרבות״־שולעס ביי דער ספרדישער קהלה און ביי דער פון „יוצאי־דמשק״, און אייניקע יאָר שפּעטער, איז אויך געגרינדעט געוואָרן די „נייע יידישע שולע״, וואָס טראָגט מער דעם כאַראַקטער פון אַ יידישיסטישער שולע.

מיט דער דערציערישער פונאַנדערטיילונג אין ריכטונגען, האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן דרכים אין דער דערציונג. מיר ווילן ניט איבערטרייבן און רעדן וועגן „דערציערישע שיטות״. אַזוי ווייט איז עס ביי אונדז ניט דערגאַנגען אין יענער תקופה, און אפילו ביי היינטיקן טאָג שטייען מיר נאָך זייער אָרעם אויפן געביט פון זען מהות׳ן און שיטות אין אונדזערע שולעס, ווי עקספּאָנענטן פון געוויסע אידעאיש־געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונגען. די יידישע שולע איז געוואָרן איינגעשטעלט אויף אַן העברעאיש־יידישער, אָדער יידיש־העברעאישער שולע. די „יבנה״ שולע טראָגט אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. די נייע יידישע שולע האַלט אַן איר יידיש־צענטראַליסטישע אויפפאַסונג.

איינס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן: „תרבות" איז געווען דער אָנהייב פון אַ נייער תקופה אין דער דערציערישער מערכה פון מעקסיקאַנער יידנטום. ווען מיר גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז דער מעקסיקאַנער שול־וועזן, איז איינער פון די אַמבעסטן אָרגאַניזירטע ניט נאָר אין לאַטיין־אַמעריקע נאָר בכלל אויף דער יידישער וועלט, קען מען ערשט היינט, — אין אַ געוויסער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, — גענוי באַגרייפן די גרויסע פאַרדינסטן פון דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער באַוועגונג לטובת דער קאַרדענאַלער ווענדונג וואָס איז פאָרגעקומען אין אונדזער ישוב.

אָבער די השפעה פון „תרבות" איז געווען אַ טיף־ווירקנדיקע אויך אויף די פאָרמען פון דערציונג און די אויסטרעטונג פון אַ וועג פאַר דער העברעאישער דערציונג אײנערהאַלב דעם מעקסיקאַנער יידנטום. די „תרבות"־שולעס פון די אַנדערע סעקטאָרן פון ניט־יידיש־ריידנדיקע טיילן פון אונדזער ישוב, האָבן געמאַכט ממש אַן איבערקערעניש אין גאַנצן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון די ספרדישע און אַראַביש־ריידנדיקע סעקטאָרן. ביי זיי איז צום ערשטן מאָל בכלל אַנטשטאַנען אַ שולע און דאָס איז געווען דער פאַרדינסט פון דער ערשטער אשכנזישער „תרבות" שולע און אירע אָרגאַניזירער און ערשטע דערציער.

טראָצדעם, וואָס די „תרבות"־שולע איז ניט דירעקט פאַרבונדן מיט דער ציונ. פעדעראַציע, שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ טייל פון דער פעדעראַציע דורך דער פאַרמיטלונג פון דער הסתדרות ציונית במכסיקו, וואָס איז די אינהאַבערין פון דער שולע. די לערער פון דער שולע, וואָס זיינען אין די לעצטע יאָרן געקומען פון ישראל האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון העברעאישן לימוד אין שטאַטישן לערער־סעמינאַר, וועלכער איז איצט דער סעמינאַר ביי דער אשכנזישער קהלה אין מעקסיקע.

מיר דאַרפן צושרייבן „תרבות" אַן אַנזעעוודיקן איינפלוס אויף דעם היגן חינוך־וועזן, און דערמיט אַנדייטן אויף אַ וועזנטלעכן איינפלוס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אויף דער היגער דערציערישער מערכה. זאָל אָבער דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז טראָץ דעם פרווו וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע דורכצופירן אַ שטודיום־טאָג פאַר פּראָבלעמען פון דערציונג און יוגנט, און טראָץ דער ספּעציעלער צוויי־טאָגיקער קאָנפערענץ וואָס „ברית עברית עולמית" האָט דורכגעפירט מיט אַלע העברעאישע לערער פון אַלע שולעס דאָהי, איז נאָך דאָ זייער פיל צו טאָן אויפן געביט פון מאַכן אַריינדרינגען אין די היגע שולעס, עלעמענטן פון ישראל־וויסן, ישראל־בירגער־קענטעניש („סיוויסמאָ" אין שפּאַניש),

ישראל־געאָגראַפיע, געשיכטע פון ציוניזם, געשיכטע פון דער יש־ראל־קאָלאָניזאַציע, און אין לערער־סעמינאַר ביי דער קהלה, גע־שיכטע פון דער ישראל־דערציונג א. א. די אַלע פראַגן שטייען נאָך אויפן סדר־היום און די ציוניסטישע באַוועגונג וועט דאַרפן געפונען די פּאַסיקסטע וועגן ווי אַזוי צו באַאיינפלוסן, אַז די אַלע לערן־מאַטעריעס זאָלן אַריינגענומען ווערן אין די לימודים־פּראָגראַמען פון די היגע שולעס, ווען מ'וועט צוטרעטן רעאַליזירן דעם פּאַרויסגעזעע־נעם פּלאַן פון דערגרייכן וויזענטלעכע רעזולטאַטן אויפן געביט פון פּאַרבעסערן און פּאַרטיפן די דערציונג אין אונדזערע מעקסיקאַנער שולעס.

די רעזולטאַטן אויפן געביט פון חינוך, וועלכע זיינען ביז הייגט רעאַליזירט געוואָרן זיינען אָנזעעוודיקע, אָבער די אויפגאַבן וועלכע וואַרטן אויף זייער פּאַרווירקלעכונג, זיינען פון וויזנטלעכן כאַראַק־טער וואָס וועלן דעצידירן דעם מאָרגנדיקן גורל פון דער אידעאַי־שער געשטאַלטונג פון אונדזערע יינגע דורות אין מעקסיקאַנער יידנ־טום.

ז) ספרדים, יוצאי דמשק, צדקה ומרפא, התקוה־מנורה, אמונה

דער יידישער ישוב פון דער מעקסיקאַנער רעפּובליק איז צו־זאַמענגעשטעלט אין דער פּראָפּאָרץ, מערוייניקער פון 65 פּראָצענט אשכנזים און 35 פּראָצענט פון אַלע אַנדערע סעקטאָרן פון אונדזער ישוב.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז געקומען צום אָרגאַניזירטן אויס־דרוק אין דער היגער ספרדישער קהלה, פון טערקיש־בולגאַריש־גרי־כישן אָפּשטאַם. זיי האָבן דערגרייכט, אין פאַריקע יאָרן, די אָנער־קענונג פון אַ באַזונדערן סטאַטוס פאַר זייער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, ביי דער וועלט־עקזעקוטיווע און זיי זיינען געווען די גאַנצע יאָרן טעטיק פאַר ציוניסטישע פאָנדן און האָבן איינטייל־גענומען אין גאַנצן פּראָצעס פון אַנטוויקלען די ציוניסטישע באַוועגונג אין מעקסיקע און די אַרבעט פאַר די פאָנדן און צווישן דער יוגנט.

אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע איז געשטאַנען די גאַנצע יאָרן אויפן סדר היום דער אָנשלוס פון דער ספרדישער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע. די פּראָבלעם איז געווען קאָמפּליצירט צוליב פיל סיבות, אָבער דער עיקר צוליב דעם געבוי פון דער פעדעראַ־ציע. זי איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אויפן יסוד פון וואַלן צום לעצטן קאָנגרעס ד. ה. אויפן יסוד פון פּאָליטישע פּאַרטייען. אַריינ־ברענגען אַן אָרגאַניזאַציע, מיט פולע רעכט אין פּרעזידיום און עק־

זעקוטיוו, וואלט געהייסן ברעכן דעם פרינציפּ פון פּאָליטישער רע־פּרעזענטאַנץ אין דער פעדעראַציע און דאָס וואלט געעפנט טיר־און־טויער פאַר קלענערע גרופּירונגען און פאַר ציוניסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס פון אַנדערע סעקטאָרן, זיי זאָלן אויך פאָדערן זייער זיץ־אָרט אין פּרעזידיום און עקזעקוטיוו פון דער פעדעראַציע.

טראָץ אַלע שוועריקייטן און באַוואָרענישן, האָט דאָך אויסגע־קעמפט די ספרדישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איר פולן פּלאַץ אין דער פעדעראַציע, דאָסזעלבע ווי די פּרוויען־פּיאָנערן און די וויצ׳א, דאָס הייסט מיט אַלע רעכט אויסער די רעכט אויף „וועטאָ״, וואָס איז געווען רעזערווירט אויסשליסלעך פאַר די פּאָליטישע פּאַרטייען, אַ פּראָצעדור, וואָס מיר וועלן וויטער גענוי אויפקלערן, זייענדיק אַ ספּעציפישע רעכטלעכע פאָרמול אין דער מעקסיקאַנער ציוניסטי־שער פעדעראַציע, וואָס האָט געגעבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אין דער טאָגטעגלעכער פּראַקטיק.

די ציוניסטישע אַרבעט, ספּעציעל די זאַמלונג פון פאָנדן, איז געוואָרן מער אָנזעבאַר אויך ביי אַנדערע סעקטאָרן, ספּעציעל אין די יאָרן פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, און אַ פּשיטא נאָך איר אַנטשטייאונג. אַזוי האָבן די דמשקער יידן אָנגעהויבן פאַרנע־מען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער ציוניסטישער פאָנדן־זאַמלונג, ווי אויך קק״ל־אַרבעט. די יידן פון אַלעפּאָ, אונטערן נאָמען „צדקה ומרפא״, האָבן אויך זיך אָנגעשלאָסן אין דער פאָנדן־טעטיקייט פון דער באַוועגונג, און פיל מער ווי די צוויי איז געווען טעטיק אין אַ געוויסער תקופה די דייטש־רעדנדיקע קהלה, „מנורה״ וועלכע האָט געגרינדעט אַן אייגענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „התקוה״, וואָס האָט געאַרבעט זייער גוט, האָט געהאַט קולטורעלע און פּאָליטישע אונטערנעמונגען, האָט איינטייל־גענומען רעגולער אין אַלע אַרבעטן פון קק״ל און „קרן היסוד״, אָבער שפּעטער איז די טע־טיקייט שוואַכער געוואָרן ביז עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענגוס פון ביידע אָרגאַניזאַציעס, די ציוניסטישע און די קאָמונאַלע אין איין אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „התקוה־מנורה״. די קאָמונאַלע אַרבעט האָט דערפון ניט געליטן, אָבער די ציוניסטישע טעטיקייט איז אָפּ־געשוואַכט געוואָרן אינערהאַלב דעם דייטש־רעדנדיקן סעקטאָר. דאָס מיינט אָבער ניט צו זאָגן, אַז זיי האָבן ניט בייגעטראָגן אין אַ געערי־קער מאָס לטובת די פאָנדן און אַלע אַנדערע אונטערנעמונגען פון דער היגער ציוניסטישער באַוועגונג.

עס איז נאָך דאָ פיל צו טאָן אויפן געביט פון געפינען געוויסע נאָרמעס פאַר דער שאַפונג פון אַ קערפּערשאַפט וואָס זאָל אַרומנע־מען אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען, אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס

און געזעלשאַפטן אין איין ראַם. פאַר דעם צוועק וועט זיכער ברענ־
גען אַ געוויסע פּאָזיטיווע לעזונג דער נייער פּלאַן פון איבערבוי פון
דער ציוניסטישער באַוועגונג אין די לענדער אין ברייטערע לאַנדעס־
פעדעראַציעס, ווי אויך דער פּלאַן פון דער היגער ציוניסטישער פע־
דעראַציע צו פאַרמירן אינצווישנצייט אַ „ציוניסטישן ראַט" פון דער
פעדעראַציע, אין וועלכן עס זאָלן איינטייל־נעמען אַלע גרופּירונגען און
אינסטיטוציעס, ווי אויך פאַרשטייערשאַפטן פון סעקטאָרן, אַוואו עס
זאָלן באַהאַנדלט ווערן געמיינזאַם די אויפגאַבן וועלכע שטייען פאַר
דער ציוניסטישער באַוועגונג אין מעקסיקע, און וועגן וועלכע מען
זאָל דיסקוטירן און זיי איבערשיקן ווי רעקאָמענדאַציעס פאַר דער
דעפיניטיווער באַהאַנדלונג און באַשלוס צום עקזעקוטיוו און פּרעזי־
דיום פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע.

ווי עס זאָל ניט זיין, זיינען געלעגט געוואָרן געזונטע יסודות
פאַר דער אויסברייטערונג און אָרגאַניזירונג פון דער ציוניסטישער
באַוועגונג אויך אין אַנדערע סעקטאָרן פון אונדזער ישוב.

ביים פאַרענדיקן מיט דעם טייל פון אונדזער באַריכט, ווילן מיר
נאָך דערמאָנען די אַנטשטייאונג פון אַ „געזעלשאַפט פאַר פּראָגרעס
און קולטור אין מעקסיקע" וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל ניט
נאָר ווירקן פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן
אין מעקסיקע, נאָר אויך אַנטוויקלען אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטי־
קייט פאַר עקאָנאָמישער און קולטורעלער קאָאָפּעראַציע מיט מדינת
ישראל. מיר קענען ניט פאָרויסזען ווי אַזוי עס וועט זיך אַנטוויקלען
אין דער נאָענטסטער צוקונפט די טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט, אָבער
זי האָט אַלע אויסזיכטן צו דערגרייכן אָנזעעוודיקע רעזולטאַטן ספּע־
ציעל אויפן געביט פון עקאָנאָמישער און קולטורעלער קאָאָפּעראַציע
מיט מדינת ישראל.

די אונגאַריש־רעדנדיקע יידן, וועלכע זיינען קאָנצענטרירט אין
זייער געזעלשאַפט „אמונה", האָבן קיינמאָל ניט אַנטוויקלט קיין איי־
גענע ציוניסטישע אַקטיוויטעט און זי קיינמאָל ניט אָרגאַניזירט. עס
איז געווען אָבער די איניציאַטיוו פון קאָמיטעט צו זאַמלען פאַר זייע־
רע קאָמונאַלע נויטן און די ווייט־גרעסטע טייל דערפון פלעגט ביי־
געטראָגן ווערן פאַרן „קרן היסוד" קאַמפּיין. ווען עס זיינען פאָרגע־
קומען אין אונדזער ישוב די פאַראייניקטע קאַמפּיינען, האָבן זיי איינ־
געפירט אויך ביי זיך דעם סיסטעם, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן ביז
היינטיקן טאָג. עס זיינען געווען נאָר געציילטע פּערזאָנען פון זייער
קהלה, וואָס האָבן געהאַט די איניציאַטיוו לטובת דער זאַמלונג פון
דער טייל פון „קרן היסוד", און עס איז וויכטיק אונטערצושטרייכן,
אַז זייער אָפּט האָבן זיי געהאַט געלונגענערע קאַמפּיינען אַ דאַנק די
פּאָליטישע קריזיסן וואָס עס האָט דורכגעמאַכט דער ישראל־ישוב, און

שפּעטער די מדינה, און אַזוי אַרום האָט דער ציוניזם „געשפּייזט" די קאָמונאַלע נויטן פון אַ סך סעקטאָרן אין אונדזער ישוב.

דער יידישער צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע

דער יידישער צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער איז אַנטשטאַנען און זיך אַנטוויקלט פון אַ קאָמיטעט צו העלפן די פּליטים, ביים אָנהייב פון צווייטן וועלט־קריג, אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרטראָטן פאַר־שטייער פון אַלע סעקטאָרן אין אונדזער ישוב — האָט געהאַט יאָרן פון גרויסן איינפלוס אויף דער געזעלשאַפטלעכער געשטאַלטונג פון ישוב, און יאָרן פון אָרגאַניזאַציאָנעלער ירידה. אין די יאָרן, האָט זיין השפּעה זיך פאַרמינערט, אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער, אין אונדזער לעבן. עס איז אַ פאַקט, אַז אין די לעצטע יאָרן, האָט דער צ. ק. אָנגעוווירן זייער פיל פון זיין אָנזען, טראַצדעם, וואָס קיינער לעגט נים פאַר — אויב נים געציילטע יחידים — זיין דעזאינטעגרי־רונג אין דער פאָרם פון „איש לאוהליך ישראל". דער צענטראַל־קאָמיטעט איז פאַקטיש דער איינציקער פּלאַץ, אַוווּ אַלע סעקטאָרן פון אונדזער ישוב טרעפן זיך צענויף און זיצן ביי איין טיש. דער צ. ק. האָט זיין פּאָזיציע אין ישוב, אָבער עס ווערט איצט פאָרויס־געזען זיין רעאָרגאַניזאַציע אויף געוויסע נייע יסודות, צוליב דער אַנטשטייאונג פון דער „אשכנזישער קהלה אין מעקסיקע — נדחי ישראל".

לאָמיר עס אויפקלערן: אַלע סעקטאָרן אין אונדזער ישוב „ספר־דים, יוצאי־דמשק, אַלעפּאָ, מנורה־התקוה, אמונה) זיינען אָרגאַניזירט אין קהלות. די איינציקע טייל פון ישוב — אירע 65 פּראָצענט (!) — דער אשכנזישער סעקטאָר, איז געווען צעשפּליטערט צווישן עט־לעכע צענדליק וויכטיקערע אָדער שוואַכערע אָרגאַניזאַציעס. פון זיי האָבן די וויכטיקסטע ראָלן געשפּילט, קאָמונאַל, די רעליגיעזע קהלה „נדחי ישראל" — וועלכע איז היינט אַ טייל פון דער אשכנזישער קהלה, — און פּאָליטיש, די ציוניסטישע פעדעראַציע. אַ גאָר וויכ־טיקער סעקטאָר אין אונדזער לעבן איז אויך דער שול־וועזן, אָבער ער האָט קיינמאָל נים געהאַט אין די פאַרגאַנגענע יאָרן אַ געאייי־ניקטע ראָם פון אַ ועד־החינוך, נאָר לעצטנס, איז ביי דער קהלה געשאַפן געוואָרן אַ חינוך־דעפּאַרטאַמענט, אַרום וועלכן עס קאָנ־צענטרירן זיך, אַלע מאָל מער, די היגע פיר שולעס פון אשכנזישן סעקטאָר.

אַנטקעגן דער לאַגע, האָט די אשכנזישע רעפּרעזענטאַנץ ביים

היגן צענטראַל-קאָמיטעט, (15 מיטגלידער פון דער אַלגעמיינער צאָל פון 29), גערעדט אין נאָמען פון גאַנצן כלל אשכנזישע יידן אין מעקסיקע, ווייל אין יעדן יאָר, ביים צוזאַמענשטעלן דעם צ. ק., — אָדער אין די יאָרן ווען עס זיינען פאָרגעקומען דעמאָקראַטישע וואַלן צום צ. ק., — פלעגט מען ווײלן אָדער צוזאַמענשטעלן דעם צ. ק., דורך אַן אינטעראָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרשטענדעניש, צווישן די פאָרשטייער פון די וויכטיקסטע פּאָליטישע פּאַרטייען און אינסטי־טוציעס אין אשכנזישן פעקטאָר.

מיט דער גרינדונג פון דער אשכנזישער קהלה — צו וואָס דער צ. ק. האָט בייגעטראָגן אין אַן אַנזעעוודיקער מאָס — איז די גאַנצע רעפּרעזענטאַנץ פון די אשכנזישע אינטערעסן איבערגעגאַנגען צו דער קהלה. דער צענטראַל-קאָמיטעט, זייענדיק צוזאַמענגעשטעלט פון סעקטאָרן, וועט איצט אונטערפאַלן די דעצידירנדיקע השפעה פון דער אשכנזישער קהלה, ווייל די מערהייט פון צ. ק. איז אַן אשכנ־זישע.

ביי דער לאַגע, איז וויכטיק אויפצוקלערן, אַז פון ערשטן מאָ־מענט איז געווען אַ דעצידירנדיקע מערהייט פון די ציוניסטישע פּאַרטייען אין צ. ק. עס איז גאָר אומעגלעך געווען צו שאַפן אַ צ. ק., אָדער דורכפירן אין אים וויכטיקע באַשלוסן ווען די ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן ניט געגעבן זייער גוטהייסונג אויף די אָדער אַנדע־רע פאָרשלאַגן אָדער פּראָיעקטן.

מיט דער אַנטשטייאונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע איז די לייטונג פון צ. ק. באַשטימט געוואָרן אין דער ערשטער ריי פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און די פאָרשטייער פון „נדחי יש־ראל”. די גאַנצע יאָרן, זיינען די פּרעזידענטן פון צ. ק. געווען דע־קלאַרירטע ציוניסטן, און די השפעה פון דער ציוניסטישער מחנה איז געווען אַ דעצידירנדיקע אין אַלע פראַגן.

געוויס איז עס ניט געווען אין אינטערעס פון דער ציוניסטי־שער פעדעראַציע אויסהיבן ביי יעדער געלעגנהייט אַ דרוק אויפן צ. ק., אָבער אין פראַגן פון אידעאישער אָדער אָרגאַניזאַציאָנעל־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט די ציוניסטישע פעדעראַציע אָנ־גענומען תמיד אַ קאָנקרעטע שטעלונג וועלכע איז געווען דעצידירנד, ווייל זי האָט געהאַט אַן איבערוויגנדע מערהייט, אָפטמאָל ביז 85 פּראָצענט און אפילו 90 פּראָצענט אין יידישן צענטראַל-קאָמיטעט פון מעקסיקע.

פּראָבלעמען פאַר זיך זיינען די קאָמיטעטן פון „אַנטידיפאַמאַ־ציע” און פון דער „דאַמען-סעקציע” ביים צ. ק. מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף די פראַגן וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט די צוויי אָפּ־

טיילונגען פון צ. ק., וואס ביז דא לעצטנס, האבן זיי געטראגן אין א גרויסער מאס, אן אויטאנאמען כאראקטער, ווייל די פראגן זיינען זייער קאמפליצירט און רירן אן מערסטנטייל קאמונאלע פראגן. זאל אבער דא אונטערגעשטראכן ווערן, אז אין „אנטידיפאמאציע־קאמי־טעט" איז קיינמאל ניט געקומען צום אויסדרוק אן איינפלוס פון דער ציוניסטישער באוועגונג. די טעטיקייט פון א. ד. איז אומאויפהער־לעך קריטיקירט געווארן פון דער ווייט־גרעסטער טייל פון דער ציו־ניסטישער באוועגונג, צוליב איר שתדלנות־כאראקטער און אנדערע ניט־פאסיקע מיטלען, וועלכע פלעגן אנגעווענדעט ווערן אין דער פארטיידיקונג פון יידישן כבוד, וואס א שטאלצער נאציאנאלער ייד האט דערמיט קיינמאל ניט געקענט מסכים־זיין.

די „דאמען־סעקציע" ביים צ. ק. האט אנטוויקלט זייער א גוטע און וויכטיקע טעטיקייט פאר די גאנצע יארן פון איר עקזיסטענץ. זי האט אבער געהאט צוויי גרויסע חסרונות:

1) דער קאמיטעט האט זיך געווידמעט אויסשליסלעך די אויפ־גאבע פון ארבעטן צווישן דער היגער מעקסיקאנער געזעלשאפט, אין ליכט פון „אנטי־דיפאמאציע" אקטיוויטעט, אדער ביישטראג פאר פארבעסערן דעם יידישן נאמען ביי דער היגער באפעלקערונג און רעגירונגס־קרייזן. געוויס, איז דאס געווען די וויכטיקסטע אויפגא־בע פון היגן דאמען־קאמיטעט ביים צ. ק. אבער די איינשטעלונג האט נים געטארט זיך אנטוויקלען ביז אן עקסקלוסיוויזם. מען האט גע־דארפט אויך שטיין מיט פנים צום היגן יידישן ישוב, מיטן פנים צו די פראבלעמען פון גאנצן יידישן פאלק און געוויס די אויפגאבן פאר וועלכע עס איז געשטאנען מדינת ישראל.

עס האט זיך געשאפן א לאגע, אז א וויכטיקע גרופע פרויען, וואס די ווייט־גרעסטע טייל פון זיי האט פארלוירן יעטוועדן אינ־טערעס פאר יידישער געזעלשאפטלעכקייט, יידישע סאציאלע, נא־ציאנאלע און קולטורעלע פראבלעמען, האבן זיך געווידמעט אין די הונדערט פראצענט זייערע אויפגאבן אין דער היגער מעקסיקא־נער געזעלשאפט.

אומווילנדיק, האט זיך געשאפן א סיטואציע, אוו דער היגער דאמען־קאמיטעט ביים יידישן צענטראל־קאמיטעט איז פאקטיש פאר־וואנדלט געווארן אין א מין „קרומען־שפיגל־אריסטאקראטיע", וואס פאראינטערעסירט זיך נאר מיט־נים־יידישע פראבלעמען, דרייט זיך ארום אין נים יידישער סביבה און נעמט איינטייל אין נים־יידישע אונטערנעמונגען, ווי א כלל אין דער טאגטעגלעכער געזעלשאפטלעך־ארגאניזאציאנעלער פראקטיק.

אומווילנדיק, דעריבער, איז דער קאמיטעט פון דער „דאמען־

סעקציע" ביים צ. ק. געוואָרן אויסגעהוילט פון יידישע אינהאַלטן און פון באַציונג צו יידישע פּראָבלעמען און דער גאַנצער אינהאַלט האָט זיך אויסגעדריקט אין זיך פּלייסן אַריינצודרינגען אין היגע ניט־יידישע קרייזן כדי מאַכן אויף זיי „דעם בעסטן איינדרוק".

מיר שטרייכן נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אונטער, אַז די „דאַמען־סעקציע" ביים צ. ק. האָט געטאָן זייער אַ וויכטיקע און לויבנס־ווערטע אַרבעט אויף איר געביט, און פיל בייגעטראָגן פאַרן גוטן נאָמען פון אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט אין די אויגן פון דער היגער ניט־יידישער געזעלשאַפט און די רעגירונגס־קרייזן. אָבער דאָס אַליין, אין אַ יידישער אָרגאַניזאַציע, און ווער רעדט נאָך אין דער רעפּרע־זענטאַנץ פון דער יידישער פרוי אין מעקסיקע, איז ניט גענוג פאַר געבן דעם קאָמיטעט זיין ריכטיקן פּלאַץ אין אונדזער געזעלשאַפט. פאַקטיש, איז זיין סאָציאַלער איינפלוס רעדוצירט נאָר צו שפּאַניש־רעדנדיקע פרויען, צו אַ קליינער גרופּע פרויען וואָס קאָנצענטרירט זיך אין אשכנזישן סעקטאָר אַרום די „בני־ברית" און די ספרדישע סעקטאָרן, אָבער די גרעסערע פרויען־אָרגאַניזאַציעס האָבן כמעט קיינמאָל ניט איינטייל־גענומען אין דער טעטיקייט פון דער „דאַמען־סעקציע" ביים צ. ק.

2) די איינשטעלונג פון דער „דאַמען־סעקציע" ביים צ. ק., האָט טאַקע דערווייטערט פון זיי אַזעלכע פרויען־אָרגאַניזאַציעס ווי די „וויצ'א" און די „פרויען־פּיאָנערן", וועלכע נעמען אַרום דעם רוב בנין ומנין פון די יידישע פרויען אין אונדזער ישוב. קען זיין, אַז דאָ און דאָרט, זיינען פאַראַן איינזאַמע מיטגלידערינס פון וויצ"א אויך אין דער „דאַמען־סעקציע" ביים צ. ק., אָבער דאָס איז שוין אַ פּערזענ־לעכע דערגרייכונג פון די פרויען, וואָס טראָגן זייער טעטיקייט אין דער דאַמען־סעקציע ביים צ. ק., האָבן זיי נאָך פאַרשטאַנען זיך צו פאַרבונדן ענגער מיט די נאַציאָנאַלע פרויען־אָרגאַניזאַציעס אין אונ־זער ישוב.

דער איינפלוס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג מוז ווערן אַנ־זעעוודיקער אין דער טעטיקייט פון „אַנטידיפאַמאַציע קאָמיטעט" און די ציוניסטישע פרוי מוז אַריינדרינגען אין דער „דאַמען־סעקציע" ביים צ. ק. כדי אָפּהיטן גלייכגעוויכט און נאַציאָנאַל־יידישלעכן כאַ־ראַקטער אין די אַרבעטן, אויפאַסונגען און צוגאַנג פון דעם דאַמען־קאָמיטעט ביים יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע.

גראַד פאַרקערט, אין דער קולטור־קאָמיסיע פון צ. ק. און אין דעם קאָמיטעט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס ביים צ. ק., איז דער ציוניס־טישער איינפלוס געווען זייער אַנמערקבאַר און האָט אויסגעהיבט זייער אַ גרויסן און פּאָזיטיוון איינפלוס אויף די טעטיקייטן פון די צוויי קאָמיטעטן.

די אשכנזישע קהלה אין מעקסיקע — נדחי ישראל

די ציוניסטישע פעדעראציע איז געווען איינע פון די הויפט־כוחות, וואס האט בייגעטראגן מיט איינפלוס און באמיונגען, אז עס זאל אנטשטיין — נאך קארגע צוויי יאר אונטערהאנדלונגען — די אשכנזישע קהלה אין מעקסיקע.

עס זיינען געווען פיל דיסקוסיעס אינערהאלב דער פעדעראציע, ארום דער ראל און די אויפגאבן פון דער קהלה, און וואס פאר אן איינפלוס וועט האבן איר גרינדונג אויף דער ציוניסטישער באוועגונג און איר ארבעט.

ניט ווייניק אקטיוויסטן זיינען געווען סקעפטיש צום פלאן. זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון דער הנחה, אז דער ציוניזם אליין שטעלט מיט זיך פאר דעם ווייט גרעסטן טייל פון היגן ישוב, און ער קען זאגן זיין ווארט און קאנצענטרירן אפילו אין זיינע ראמען, דעם פולסטן ביישטראג און השפעה אויפן גאנג, ארבעט און אנטוויקלונג פון די היגע לאקאלע אינסטיטוציעס.

די מערהייט האט געזען ריכטיקער די לאגע. א קהלה איז זיך איין זאך, און א ציוניסטישע באוועגונג קען ניט נעמען אויף זיך אויפגאבן פון א קהלה. ווען זי וואלט עס יא געפרווט טאן וואלט זי זיך געפונען צווישן צוויי אויפגאבן, וואס אויב אפילו טעארעטיש, קאמפלעמטירן זיי זיך פולקאם, אין איין נאציאנאלער פונקציע, זיינען אבער אין דער טאגטעגלעכער פראקטיק פאראן באזונדערע שטחים פון טעטיקייט פון לאקאלן און אלגעמיין עקאנאמיש־פאליטישן און ציוניסטישן כאראקטער וואס שטעלן מיט זיך פאר באזונדערע פונקציעס, מיט ספעציפישע מיטלען און וועגן פאר רעאליזירן די ארבעט. די קהלה איז א קאמונאלע פארם פון לאנגע דורות צוריק, וואס איז געווען א פאזיטיווע דערשיינונג אין אונדזער נאציאנאל לעבן אין די תפוצות. די ציוניסטישע באוועגונג, ווי די פארשטייערין און מיטבויערין פון מדינת ישראל, דארף טאן אלץ וואס איז נאר אין אירע יכולת׳ן, זי זאל האבן די אנפירערשאפט און די דעצידירנדיקע השפעה אויף די קהלות, און גלייכצייטיק לאזן קומען צום אויסדרוק און געבן א געלעגנהייט פון מיטארבעט פאר מינאריטעטע גרופן וועלכע שטייען אויף דער נאציאנאלער באזע אבער זיינען פון אן אנדערער, — און אפטמאל אפילו א קעגנגעזעצטער, — אידעאישער איינשטעלונג.

מיר גלויבן, אז דער פרינציפ איז אנגעהאלט געווארן אין דער קהלה. דער צוזאמענשטעל פון די אינסטאנצן, ווי בכלל פון די 56 קהלה־ראטמענער, גיט אפ מער־ווייניקער די כוחות־פארהעלטענישן

אין אונדזער ישוב, אויב אפילו מינאָריטערע גרופּן האָבן באַקומען אַ ביסל מער פאַרשטייער ווי זיי וועלן זיין ביכולת דערגרייכן ביי דעמאָקראַטישע און אַלגעמיינע וואַלן, וואָס וועלן פאָרקומען מסתמא נאָך אין יאָר 1957.

אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 56 קהלה־ראַטמענער, זיינען פאַראַן 18 פאַרשטייער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. אָבער די מיטגלידער פון „נדחי ישראל" אין איר פאַבריקער פאָרם, וואָס 14 פון זיי געפינען זיך אין קהלה ראַט, זיינען אַלע אָן אויסנאַם, רעליגיעזע ציוניסטן. אויסערדעם זיינען די פאַרשטייער פון די גרעסטע טייל שולעס און אינסטיטוציעס פון ציוניסטישע איבערצייגטע פערזאָנען. מ׳קען אָנעמען, אַז 49 קהלה־ראַטמענער, זיינען ציוניסטן אָדער ציוניסטיש־געשטימט.

עס וועט גענוגן איבערגעבן דעם צוזאַמענשטעל פון פּרעזידיום פון קהלה־ראַט כדי זיך איבערצייגן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַן איבערוויגנדער כוח אין דער קהלה:

פּרעזידענט — אַ רעליגיעזער אַלגעמיינער ציוניסט.
ערשטער וויצע־פּרעזידענט — פּראָגרעסיווער אַלגעמיינער ציוניסט.
איין וויצע־פּרעזידענט — אַ רעליגיעזער ציוניסט.
איין וויצע־פּרעזידענט — „חרות".
איין וויצע־פּרעזידענט — „בונד".
גענעראַל־סעקרעטאַר — אַלגעמיינער ציוניסט.
פאַרטרעטער פון גענ. סעקרעטאַר — מזרחי.
קאַסירער — מפּא״י.
פאַרטרעטער פון קאַסירער — רעליגיעזער ציוניסט.
פינאַנץ־סעקרעטאַר — מפּ״ם.
פאַרטרעטער פון פינאַנץ־סעקרעטאַר — אַלגעמיינער ציוניסט.

אין סך־הכול: פון אַלע אמטן וועלכע זיינען פאַרנומען אין פּרעזידיום פון דער קהלה, איז אויף 11 פּערזאָן, פאַראַן צען ציוניסטן און איין ניט־ציוניסט.

אין פּרעזידיום פון דער קהלה, געהערן אויך די פאָרזיצער פון די עלף דעפּאַרטאַמענטן פון דער קהלה, און די אידעאישע אָנגעהעריקייט פון די פאָרזיצער איז די פאָלגנדע:

דעפּאַרטאַמענט פאַר רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן — מזרחי.
" " חינוך — ציוניסט גענויגט צו מפּא״י.
" " קולטור — בונדיסט.
" " פינאַנצן־און־בודזשעט — פּראָגרעסיווער ציוניסט.
" " הילף — ציוניסט.

״ ״ סאָציאַלע הילף — פּראָ־ישראל ייד.
״ ״ הילף אַלוועלטלעכע אינסטיטוציעס — בונדיסט.
״ ״ אינטעראָרגאַניזאַציאָנעלע באַציונגען — פּראָ־גרעסיווער ציוניסט.
״ ״ בוי און קהלה־פאַרמעגן — פּראָגרעסיווער ציוניסט.
״ ״ פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג — פּראָ־ישראל ייד.

סטאַטוטן־קאָמיסיע — מזרחי.

פון דעם באַקומט זיך אַ קלאָר בילד, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג, איז אַן איבערוויגנדער כוח אין דער קהלה, און אין מעקסיקע איז רעאַליזירט געוואָרן דער הערצעליאַנישער רוף פאַר „כיבוש הקהלות״.

די קהלה הייבט זיך אָן קוים אָרגאַניזירן. עס איז שווער פאָרויסצוזאָגן, ווי אַזוי וועט צוגיין די אַרבעט אינערהאַלב דער וויכטיקסטער אינסטיטוציע פון מעקסיקאַנער יידנטום. איינס איז אָבער קלאָר, אַז אַלע גרופּירונגען, פּאַרטייען און אינסטיטוציעס האָבן אַרויסגעוויזן אַ טיפע פאַרשטענדעניש און אַ גרויסע אחריות ביים באַהאַנדלען אַלע פראַגן ארום דער אָרגאַניזירונג פון דער קהלה. עס איז קיינמאָל ניט — אפשר נאָר אין אַן אויסנאַם פאַל — געקומען צו אַפּשטימען אַ געוויסע פראַגע צווישן אַ מערהייט און אַ מינדערהייט. אַלע פראַגן זיינען ביז היינטיקן טאָג דערליידיקט געוואָרן דורך אַ פאַרשטענדעניש און אין האַרמאָניע.

עס איז צו האָפן, אַז די קהלה וועט זיך אַנטוויקלען אין דער פאָרם. מ׳וועט קיינמאָל ניט אַרויפברענגען קיין אידעאישע פראַגן אויפן סדר היום פון דער קהלה, כדי עס זאָל ניט קומען צו קיין צוויימיקייטן. די מערהייט, וועט זיך באַמיען זיין טאָלעראַנט לגבי דער ניט־ציוניסטישער מינדערהייט, אָבער אין דער זעלבער צייט, וועט בלי ספק זוכן די מינדערהייט צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך לגבי דער מערהייט, און ניט אַרויסקומען מיט אידעאישער קעגנערשאַפט צו אַ געוויסער פראַגע, ניט נאָר צוליב פּרינציפּן, נאָר אויך צוליבן געפיל פון זיין אַ מינדערהייט און פון „קענען זיך דערלויבן״ זיין אויסגעהאַלטן ווייל... מ׳וועט דאך סיי ווי פאַרשפּילן.

די קהלה וועט זיכער פּראָגרעסירן, און ווען די שורות ווערן געשריבן (יאַנואַר־פעברואַר 1957) איז צו זען קלאָר, אַז די קהלה האָט דעם בעסטן אָפּקלאַנג אין ישוב און די באַציונג צו איר איז פון גרעסטן אינטערעס ווי אויך דיסציפּלין. געווים זיינען נאָך פאַראַן שוועריקייטן וואָס מען דאַרף איבערקומען מיט געדולד און טאַקט,

אָבער עס איז קיין ספק נישט, אַז די קהלה איז אַ יש, וואָס שפּילט שוין אין היינטיקן טאָג אַן ערשטראַנגיקע ראָל אין לעבן פון מעק־סיקאַנער יידנטום, רעפּרעזענטירנדיק העכער 65 פּראָצענט פון גאַנצן כלל יידן וואָס לעבן אין לאַנד.

עס איז אָפּצושאַצן פאַר פּאָזיטיוו און אויסגעהאַלטן ביז גאָר, די מיטווירקונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע פאַר דער גרינדונג פון דער קהלה. דער איינפלוס פון ציוניזם איז זייער גרויס אין דער קהלה, און דער כאַאָס פון די קאַמפּיינען הייבט אַן קאָנטראָלירט ווערן דורך איר. עס וועט זיין פון יאָר 1957 און ווייטער נאָך איין סאָרט קאַמפּיינען אין מעקסיקע: **די וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיט מדינת ישראל.** די קהלה נעמט איין יערלעכן קהלה־ביישטייער, און דערמיט ווערן געדעקט אַלע לאָקאַלע און אויסלענדישע הצטרכותן פאַר היגע און אַלוועלטלעכע יידישע אינסטיטוציעס. די גרינדונג פון דער קהלה האָט געעפנט אַ פרייערן פעלד, גרעסערע מעגלעכקייטן, פאַר דער עקאָנאָמישער אַק־טיוויטעט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און עס איז פאַרויסצו־זען, אַז דאָס וועט אויסגענוצט ווערן אין דער נאָענטסטער תקופה.

מיר ווילן נאָר דאָ אַרויסברענגען זייער אַ וויכטיקן מאָמענט, אין דער פראַגע פון צוזאַמענשטעל פון דער קהלה, וואָס האָט פון אַ טעכ־נישער פראַגע, אָדער פּאָליטישער אָנגעלעגנהייט, זיך פאַרוואַנדלט אין אַ עיקרדיקע שטעלונג.

מיר וועלן ביים סוף פון דעם באַריכט איבערגעבן די סיבות, צוליב וועלכע עס זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן אויף לאַנגע חדשים די אונטערהאַנדלונגען אַרום דער קאָנסטיטואירונג פון אַ נייעם פּרעזי־דיום און עקזעקוטיוו פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. אָבער אינ־צווישנצייט, האָבן געוויסע פּאַרטייען גענומען אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָזיציע לגבי דער קהלה, ווייל מען האָט ניט נאָכגעגעבן זייערע פאָדערונגען אויף די פּאָזיציעס און פּאָסטנס אין דער פעדעראַציע אויף וועלכע זיי האָבן זיך געפילט באַרעכטיקט צו פּרעטענדירן.

עס האָט זיך באַקומען, אַז צוויי פּאַרטייען האָבן אַריינגעשיקט זעלבסטשטענדיק זייערע פאַרשטייער אין דער קהלה, אין דער צייט ווען די אַנדערע פיר פּאַרטייען האָבן אַריינגעשיקט זייערע קהלה־ראַטמענער אויף אַ געאייניקטער ליסטע אין נאָמען פון דער ציו־ניסטישער פעדעראַציע.

ביז דעם מאָמענט, ווען עס ווערן געשריבן די שורות, עקזיסטירט נאָך רעכטלעך די לאַגע, אָבער אין דער טאָגטעגלעכער פּראַקטיק, איז זי פאַקטיש געוואָרן אַ ניט־ווירקנדיקע, ווייל די ציוניסטישע פע־דעראַציע איז געווען די וואָס האָט דיסקוטירט די פראַגן — ביי דער אָנוועזנהייט פון אַלע זעקס פּאַרטייען, און דאָס וואָס עס איז דאָרט

אָנגענומען געוואָרן, איז במילא געבראַכט געוואָרן ווי אַן איינשטי־מיקע שטעלונג פון דער פעדעראַציע אין נאָמען פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען צו דער קהלה. אין איצטיקן מאָמענט, ווען עס איז שוין גע־קומען צו אַ פולקאָמען הסכם וועגן צוזאַמענשטעל פון נייעם פּרעזידיום און עקזעקוטיוו פון דער ציונ. פעדעראַציע, וועט במילא אָפּפאַלן די פראַגע פון באַזונדערער רעפּרעזענטאַנץ פון פּאַרטייען, און זייער זעלבסטשטענדיקער פּאָליטיק לגבי דער קהלה, אויסער די ראַמען פון דער פעדעראַציע.

עס האָט זיך אָבער באַקומען, אַז די פּועלי־ציון דאָהי (מפא״י) האָט אַרויסגעבראַכט, אויף איינע פון די זיצונגען פון עקזעקוטיוו, אַ באַזונדערע שטעלונג, וועלכע לאָזט זיך דעפינירן אין פאָלגנדע זאַצן:

די ציוניסטישע פעדעראַציע קען ניט און דאַרף ניט פאַרפליכטן אַ געמיינזאַמע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע שטעלונג אין קהלה־אַנגעלעגנהייטן. יעדע פּאַרטיי שטעלט פאָר אַן אייגענע אידעאישע שטעלונג און דערפון נעמען זיך פאַרשידנאַרטיקע צוגאַנגען צו געוויסע פּראָבלעמען פון אונדזער ישוב. עס איז אמת, אַז מיר האָבן געמיינ־זאַמע ציוניסטישע אינטערעסן, אָבער ניט תמיד קען זיך דעקן די שטעלונג פון דער אָדער אַנדערער פּאַרטיי מיט דער שטעלונג פון אַ געוויסע טייל פּאַרטייען אין דער פעדעראַציע. עס איז דעריבער גע־ווונטשן — טענהן די פּועלי־ציון — אַז יעדע פּאַרטיי זאָל אַריינשיקן זעלבסטשטענדיק אירע דריי קהלה־ראַטמענער אין דער קהלה, אָבער דאָרט זאָל געשאַפן ווערן אַ ציוניסטישער בלאָק, וועלכער וועט אַק־טואירן צוזאַמען אין די פראַגן וועגן וועלכע עס וועט דערגרייכט ווערן אַ פאַרשטענדיקונג מלכתחילה.

דער צוגאַנג, אַן־און־פאַר־זיך, האָט אין זיך געזונטע קערנער. ער פאַרהיט צוגעבונדנקייט פון אַ פּאַרטיי אין לאָקאַלע פראַגן צו אַ געמיינזאַמער שטעלונג פון דעם כלל פּאַרטייען אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע און גיט אין דער זעלבער צייט פרייע הענט דער פּאַרטיי צו מאַנעווורירן אין געוויסע פראַגן, לויט איר אייגענעם איינזען, ווי אויך אינטערעסן. ווידער די טענה פון אידעאישער ספּעציפישקייט אין צוגאַנג צו לאָקאַלע פּראָבלעמען, איז אויך אין אַ גרויסער מאָס אַ וויכטיקער אַרגומענט, וואָס מען מוז נעמען אין אכט.

די שטעלונג פון די מערהייט פּאַרטייען אין דער פעדעראַציע איז אָבער געווען גראַד אַ פאַרקערטע, אונטערשטרייכנדיק די וויכ־טיקייט פון אַ געמיינזאַמער דערשיינונג פון דער ציוניסטישער פע־דעראַציע אין דער קהלה, אַ זאַך, וואָס פאַרזיכערט מלכתחילה די פולע אויבערהאַנט פון ציוניזם אין דער קהלה אין אַלע היניזיכטן. מ׳קען די אַרגומענטן דעפינירן ווי פאָלגנד:

1) די ציוניסטישער פעדעראציע קען זיך ניט דערלויבן ארומ־קומען ווי א צעשפליטערטע ארגאניזאציע, גראד אין לאקאלע פראגן, וועלכע האבן אפט א דעציזירנדיקע וויכטיקייט פאר פיל אקטואי־רונגען און פראבלעמען פון דער באוועגונג.

2) אין דער קהלה קומען צום אויסדרוק אין דער ערשטער ריי לאקאלע אינטערעסן, וואס א געוויסער טייל מענטשן, געוויסע גרו־פירונגען, זיינען תמיד געניוגט זיי קעגנצושטעלן די אינטערעסן פון מדינת ישראל. נאר א געאייניקטע רעפרעזענטאנץ פון דער פעדע־ראציע, וועט אפהאלטן ארויסטריטן און פרווון פון אפשטימען זאכן, וואס שטייען אין קעגנזאץ צו אלגעמיינע ציוניסטישע אינטערעסן.

3) די ספּעציפישע פארטיי־אינטערעסן אין מעקסיקע, אדער אי־דעאישע איינשטעלונגען זיינען אין א געוויסער מאס אילוזארישע. אלע זיינען דא מערוויניקער פון איין עקאנאמישן שטאנד: א טייל פון נידעריקן מיטלשטאנד, א טייל פון מיטלשטאנד און א טייל פון העכערן מיטלשטאנד. מיר פארטיידיקן נאר אידעאישע שטעלונגען פון אונדזערע שוועסטער־פארטייען אין ישראל. עס איז דעריבער אונדזער פליכט, ניט ארייפירן פארטיי־אנגעלעגנהייטן אין דער קהלה, און נאר אפהיטן אלגעמיינע ציוניסטישע אינטערעסן וואס קענען פיל לייכטער און קאנסעקווענטער פארטיידיקט ווערן מיטן גע־איינקטן כוח פון דער ציוניסטישער פעדעראציע ביי דער מיטהילף פון ניט־ארגאניזירטע ציוניסטישע ראטמענער אין דער קהלה.

4) מיר האבן דעם ביישפיל פון צענטראל־קאמיטעט, וואס פאר די גאנצע יארן זיינען אין אים אלע ציונ. פארטייען געגאנגען צוזאמען, סיי ביי די צוויי מאל דעמאקראטישע וואלן ווי אויך בכלל ביים צו־זאמענשטעלן א צענטראל־קאמיטעט אויפן יסוד פון אן אינטערפאר־גאניזאציאנעלן הסכם. די פראקטיק פון צ. ק. האט קלאר באוויזן, אז אין דער ערשטער ריי שטייען פאר אונדז אויפגאבן פון אלגעמיין ציוניסטישן כאראקטער, וואס איז פון אינטערעס פון אלע פארטייען צוגלייך.

5) א ציוניסטישער בלאק אין דער קהלה, וועט ניט זיין קיין גרויסער אויפטו, ווייל פון איין זייט, וועט עס קענען אויסגעטייטשט ווערן ווי א באשרענקונג פון דער אויטאריטעט פון דער פעדעראציע, און פון דער צווייטער זייט, וועט עס זיין א ניט־פארפליכטנדע קער־פערשאפט.

6) א ציוניסטישער בלאק אין דער קהלה קען אפט קומען אין א צוזאמענשטויס מיט די אינטערעסן פון דער ציוניסטישער פעדערא־ציע, ווייל דער בלאק וועט ווערן אן אויטאנאמע קערפערשאפט, וואס וועט פאליטיש און געזעלשאפטלעך מער ניט זיין אפהענגיק פון די

פאָליטישע באַשלוסן פון דער פעדעראַציע. מיט איין וואָרט: עס וועלן אויפגעשטעלט ווערן „צוויי פעדעראַציעס": איינע מיטן פּנים צו מדינת ישראל און די אַנדערע מיטן פּנים צו גלות-מעקסיקע.

7) די איינציקע לעזונג פון אַנטקעגנשטעלן דער ניט-אויסגע-האַלטענער סיטואַציע פון צוויי באַשטימענדיקע ציוניסטישע קער-פּערשאַפטן אין מעקסיקע איז, איבערגעבן דער פעדעראַציע די אַליי-ניקע רעכט צו באַשטימען די האַנדלונג פון די ציוניסטישע קהלה-ראַטמענער. עס וואָלט טאַקע געקענט פאָרקומען עטוואָס ענלעכעס מיט דער באַטייליקונג פון די קהלה-ראַטמענער, אָבער דאַן באַקומט זיך דאָך אַז דער ציוניסטישער בלאָק איז אַן איבעריקע באַשעפעניש, ווייל ער וועט במילא ניט קענען דעצידירן זאַכן און די פעדעראַציע וועט האָבן דאָס לעצטע וואָרט אין אַלע פראַגן.

8) אַ גרויסע צאָל חברים פון דער פעדעראַציע זיצן אין דער קהלה. דער קאָנטאַקט איז במילא אַן ענגער, און די ציוניסטישע פּאָליטיק ווערט אַנגעפירט אין אַ פולער האַרמאָניע מיט די אינס-טאַנצן פון דער פעדעראַציע.

9) און צולעצט, די פאָרשטייער פון די פּאַרטייען וועלכע זיצן אין דער פעדעראַציע, זיינען אין אַלגעמיין די וויכטיקסטע חברים אין יעדער פּאַרטיי. זיי האָבן אַ ברייטערן פּאָליטישן האָריזאָנט, זיי-נען באַקאַנט מיט פאַרשידענע אַספּעקטן פון ציוניסטישער און לאָ-קאַלער פּאָליטיק, ווי אויך געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען אין ישוב. ביים טיש פון דער פעדעראַציע איז יעדע דעבאַטע וועגן אַ שטעלונג אָדער אַ צוגאַנג צו אַ לאָקאַלער פּראָבלעם אַן אומפּאַסנדיקע און פאַר-זיכערט די בעסטע לעזונג אין די געגעבענע באַדינגונגען.

די פראַגע איז דערווייל געלעזט געוואָרן אַן רייבונגען, ווייל עס איז ניט געקומען צו דער שאַפונג פון אַ ציוניסטישן בלאָק אין דער קהלה, ווייל ער איז דאָרט אומנייטיק, און וואָלט נאָר געשטערט ווען ער וואָלט געשאַפן געוואָרן. קיינער האָט ניט קיין אינטערעס איבער-פירן ציוניסטישע קאַמפן אין דער קהלה. די מאָס פון פאַרשטענדע-ניש און געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס הערשט אין דער קהלה איז באמת זייער אַ ווערטפולע און עס איז צו האָפן, אַז דער זעלבער גייסט וועט ווייטער הערשן אין דער קהלה. אַלע ציוניסטישע ראַטמענער, זיינען תמיד געווען געאייניקט אין שטעלונגען און אָפּשטימונגען, און געווים האָט די פעדעראַציע רע-פּרעזענטירט די אַלגעמיינע מיינונג פון ציוניזם אין מעקסיקע. זאָל דאָ געזאָגט ווערן צום שבח פון די צוויי פּאַרטייען וואָס זיינען גע-גאַנגען באַזונדער אין דער קהלה, אַז זיי האָבן קיינמאָל ניט גע-פּרוווט נעמען אַ באַזונדערע שטעלונג, אָדער ווען אַרויסברענגען אַן

אַליניקן צוגאַנג צו דער אָדער אַנדערער פראַגע. ווי געזאָגט, איז די פראַגע פון דער קאָנסטיטואירונג פון דער ציונ. פעדעראַציע געלעזט געוואָרן פּאָזיטיוו און עס איז פאָרויסצוזען, אַז די שטעלונג פון די מערהייט פּאַרטייען, אַז די פעדעראַציע רעפּרעזענירט די ציוניסטי־שע מחנה אין דער קהלה, וועט ווערן אָנגענומען ווי אַ באַשלוס אין נייעם עקזעקוטיוו און פּרעזידיום פון דער פעדעראַציע.

אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע

די ציוניסטישע פעדעראַציע איז צוזאַמענגעשטעלט פון דריי קער־פערשאַפטן:

1) פּרעזידיום.

2) עקזעקוטיוו.

3) ראַט.

אין דער תקופה פאַר וועלכער מיר גיבן אַפ אונדזער באַריכט (סעפּטעמבער 1953־דעצעמבער 1956) זיינען געוועזן טעטיק נאָר דער פּרעזידיום און דער עקזעקוטיוו. דער ראַט האָט זיך ניט פאָרמירט צוליב טעמים וואָס מיר וועלן באַלד אָנגעבן.

1. פּרעזידיום

ער איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לויט אַ הסכם אין דער פאָל־גנדער פאָרם:

פּרעזידענט — אַלגעמיינע ציוניסטן.

פאָרזיצער פון ראַט — מפא״י.

וויצע־פּרעזידענט — חרות (פון פּרעזידיום, עקזעקוטיוו און ראַט).

גענעראַל־סעקרעטאַר — מפ״ם.

קאַסירער — מזרחי.

פינאַנץ־סעקרעטאַר — הפועל המזרחי.

מיטגלידער פון פּרעזידיום: וויצ״א — פרויען־פּיאָנערן — ספרדי־שע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער יוגנט־פעדעראַציע.

באמערקונגען:

1) וויצ"א, פרויען-פיאָנערן און די ספרדישע ציוניסטן, האָבן פולע שטים-רעכט, אָבער אָן וועטאָ-רעכט, וואָס איז רעזערווירט אויסשליסלעך פאַר די פּאָליטישע פּאַרטייען.

2) דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער יוגנט-פעדעראַציע איז געזעסן אין פּרעזידיום אָן וועטאָ-רעכט, אָן שטים-רעכט און נאָר מיט באַראַטונגס-רעכט.

פאַקטיש איז דער פּרעזידיום געווען די העכסטע אינסטאַנץ פון דער פעדעראַציע. דער עקזעקוטיוו איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, אַן אויסרייטערונג פון פּרעזידיום צו אַ גרעסערן פאָרם, ווען עס האָט זיך געניטיקט צו דעבאַטירן אַלזייטיק וויכטיקע פראַגן, אָדער עס זיינען געמאַכט געוואָרן אויפנאַמעס פאַר געסט פון אויסלאַנד. אין אַלגעמיין אָבער, פלעגן אַלע ענינים קומען פריער צום עקזעקוטיוו און ערשט דערנאָך פלעגט זיי דער פּרעזידיום, אָדער גלייך אויספירן, אָדער נאָך דערליידיקן וויכטיקע פּרטים אַרום דער דורכפירונג פון די באַשלוסן פון עקזעקוטיוו.

2. עקזעקוטיוו

דער עקזעקוטיוו איז געווען צוזאַמענגעשטעלט צו דריי פאָרשטייער פון יעדער פּאַרטיי, ווי אויך פון וויצ"א, פרויען-פיאָנערן, ספרדישע ציוניסטן און פון דער ציוניסטישער יוגנט-פעדעראַציע. דערפון האָבן צוויי פאָרשטייער געהאַט פולע שטים-רעכט און דער דריטער איז געווען אַ פּאַרטרעטער מיט באַראַטונגס-רעכט, און ער האָט געשטימט ווען איינער פון די צוויי באַרעכטיקטע צום שטימען האָט געפעלט.

אין עקזעקוטיוו האָבן אַלע אָן אויסנאַם געהאַט גלייכע דריי פאָר-שטייער און צוויי שטימען, די יוגנט-פעדעראַציע אַריינגערעכנט. ווען עס איז אָבער געקומען צו געוויסע שאַרפע פּאָליטישע חילוקי-דעות, פלעגן די ענינים איבערגעגעבן ווערן צו דער באַהאַנדלונג פון אַ „קאָמיסיע פון 6", אין וועלכער עס האָבן נאָר איינטיילגענומען די זעקס פּאַרטייען.

אַזוי ווי וויצ"א האָט זיך דערקלערט פאַר ניט פּאָליטיש, האָט מען פון אַזעלכע באַהאַנדלונגען אויסגעשלאָסן אויך די פרויען פיאָ-נערן. עס איז געווען אויך אַ צווייטע סיבה דערפאַר, ווייל געבן אַ פּלאַץ אין קאָמיסיעס די פרויען-פיאָנערן, וואָלט אין דער פּראַקטיק געמיינט, געבן צוויי שטימען דער מפא"י, קעגן איין שטימע פון יעדער אַנדערער פּאַרטיי. די יוגנט-פעדעראַציע איז אויך געווען אויסגעשלאָסן פון אַזעלכע קאָמיסיעס.

זייער אָפּט, פלעגן די וויכטיקסטע ציוניסטישע פראַגן באַהאַנדלט ווערן גראַד אויף די זיצונגען פון ספּעציעלע קאָמיסיעס, אַ ווו עס פלעגן אָנגענומען ווערן דעפיניטיווע באַשלוסן אין נאָמען פון די פּאַר־טייען. עס האָט אָבער קיינמאָל ניט געטראָפן, אַז די באַשלוסן זאָלן גלייך אַריין אין קראַפט, ווייל מען פלעגט אַלע באַשלוסן פון אַזעלכע קאָמיסיעס ברענגען צו דער ראַטיפיצירונג פון עקזעקוטיוו, טראַצדעם וואָס דאָס איז נאָר געווען אַ לעגאַליסטישע פאָרמאַליטעט, ווייל אין פאַל ווען אַ קאָמיסיע איז דורכגעקומען אויף אַ פראַגע, איז שוין במילא איר אַקצעפּטירונג און פּאָזיטיווע אָפּשטימונג דורך עקזעקו־טיוו געווען אַ פאַרזיכערטע.

3. ראַט

דער ציוניסטישער ראַט, וועלכער איז געווען פאַרויסגעזען, אַז ער זאָל אַרומנעמען יעדע אינסטיטוציע, גרופּירונג, אָרגאַניזאַציע אָדער געזעלשאַפט, וואָס טראָגט מיט עפּעס ביי, פאַרן וווילזיין פון דער מדינה אָדער איינער פון אירע אינסטיטוציעס, איז קיינמאָל ניט רעאַליזירט געוואָרן אין דער תקופה פון דער פעדעראַציע וועגן וועל־כער מיר באַריכטן.

די סיבה דערפאַר איז געווען אַן איינאונאייציקע: דער פאָרזיצער פון ראַט, דער פאָרשטייער פון מפא"י, האָט זיך קיינמאָל ניט געגעבן די מי צו אָרגאַניזירן די אינסטיטוציע. קיינער האָט ניט געקענט אָרגאַניזירן די קערפּערשאַפט פאַרן פאָרזיצער פון ראַט, ווען ער אַליין איז אין דעם ניט געווען פאַראינטערעסירט.

אין דער ערשטער תקופה פון דער עקזיסטענץ פון דער פעדעראַ־ציע, זיינען געמאַכט געוואָרן אומצייליקע באַמיונגען כדי באַזירן די גאַנצע אַרבעט אויף געוויסע יסודות, ניט האַבנדיק קיין געשרי־בענע קאָנסטיטוציע און אַ רעגולאַמין, וועלכע זאָלן געבן אָנווייזן אין יעדן פאַל, ווי אַזוי מען דאַרף זיך נוהג־זיין. ווען אַ פּאַרטיי האָט פאַרנאַכלעסיקט, דורך דער אומווילקייט פון איר פאָרשטייער, די אָרגאַניזירונג פון ראַט, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַן ערשטראַנגיקע ציוניסטיש־געזעלשאַפטלעכע (און בלי ספק אויך פּאָליטישע!) דער־גרייכונג פאַר דער היגער מפא"י, איז קיינער ניט געווען פאַראינטע־רעסירט — פון שטאַנדפּונקט פון פּאָליטישע פּאָזיציעס און איינפלוס — צוטראָגן אַ פּאַרטיי אַ שליסל־פּאָזיציע אין דער פעדעראַציע און בכלל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פון מעקסיקע.

ווי עס זאָל ניט זיין, עס איז אַ פאַקט, דער ראַט איז קיינמאָל ניט אָרגאַניזירט געוואָרן, און דערנאָך, צוליב אינערלעכע רייבונגען

אין דער מפא״י ווי אויך פערזענלעכע טעמים האָט דער פאַרשטייער דעמיסיאָנירט אַלס פאַרזיצער פון ראַט און מיטגליד פון עקזעקוטיוו ביים סוף פון ערשטן יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דער פעדעראַציע.

טראָץ די באַמיונגען פון פרעזידיום, און ספּעציעל פון שרייבער פון די שורות ווי דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער ציונ. פעדעראַציע, אַז די לאַגע זאָל נאָרמאַליזירט ווערן אין פרעזידיום, דערמיט וואָס מפא״י זאָל אַריינשיקן אַ צווייטן פאַרשטייער אויפן אמט פון פאַרזיצער פון ראַט, האָט די מפא״י פּערמאַנענט און עקשנותדיק זיך אָפּגעזאָגט פון איבערנעמען דעם אַמט, און זי האָט נאָר איינטייל־גענומען אין די זיצונגען פון עקזעקוטיוו און פון צייט צו צייט, זייער אָפט מיט פאַרשידענע פאַרשטייער, אויך אין פרעזידיום.

דאָס איז געווען איינע פון די סיבות, פאַרוואָס זייער פיל פראַגן זיינען ניט איבערגעגעבן געוואָרן פאַר דער באַהאַנדלונג פון פרעזי־דיום נאָר פון אַ קאָמיסיע, ווייל מפא״י דאָהי האָט קיינמאָל ניט גע־וואלט איבערנעמען דעם פּלאַץ וואָס עס קומט איר אין דער פעדעראַ־ציע. דאָס איז געשען, ווי עס איז אונדזער מיינונג, צוליב אינערלעכע פּערזענלעכע טעמים און ניט צוליב אַ נעגאַטיווער שטעלונג צו דער פעדעראַציע. די נעגאַטיווע שטעלונג פון מפא״י צו דער פעדעראַציע איז איצט געקומען צו אויסדרוק ביי די וואַלן צום 24־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אַ ווו זיי זיינען געבליבן אָן אַ מאַנדאַט. אָבער וועגן דעם וועלן מיר באַריכטן ווייטער אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג.

די ציוניסטישע פעדעראַציע, דער קרן היסוד און דער קרן קימת לישראל

אין לויף פון דער טעטיקייט פון דער איצטיקער לייטונג פון דער פעדעראַציע זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אייניקע פּרינציפּן, וועלכע האָבן רעגולירט אין אַ גרויסער מאָס די פונקציאָנירונג פון דער פע־דעראַציע און די באַציונג פון די צוויי נאַציאָנאַלע פאָנדן צו איר.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אין לויף פון לאַנגע זיצונגען און אין גאַנג פון דער אַרבעט, אַז דער בעסטער לעגאַלער קשר פון די צוויי נאַציאָנאַלע פאָנדן צו דער ציוניסטישער פעדעראַציע, ווי די העכסטע אינסטאַנץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין מעקסיקע, וועט זיין דער באַשלוס, אַז די קאָמיטעטן פון די פאָנדן, נאָכן יאָר אַרבעט, גיבן אָפּ זייערע באַריכטן אויף אַ יערלעכער פאַרזאַמלונג פון תורמים, און דערנאָך דעמיסיאָנירן זיי צו דער ציוניסטישער פעדעראַציע.

די ציוניסטישע פעדעראַציע רופט איין אַ וואָך אָדער צוויי שפּעטער אַ זיצונג פון דער פעדעראַציע און פאָרשטייער פון די קאָמיטעטן פון די ציוניסטישע פּאַרטייען, צו פאַרמירן דעם נייעם דירעקטאָריום פון קרן היסוד אָדער קק"ל, פאַרן קומענדיקן יאָר. דער פאָרזיצער פון דער וואַל־פאַרזאַמלונג איז תמיד דער פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע, אָדער די מיטגלידער פון פּרעזידיום וועלכע קומען לויט דער ריי נאָכן פּרעזידענט, אין פאַל פון זיין אָפּוועזנהייט. איינמאָל אויסגעוויילט דער דירעקטאָריום, שליסט זיך די זיצונג און ווידעראַמאָל הייבט אָן אַרבעטן אין פולער אויטאָנאָמיע, דער דירעקטאָריום פון דעם אָדער אַנדערן פאָנד.

אויף דער ערשטער זיצונג ווערן צוגעצויגן אַקטיוויסטן פון שטאָט פאַר די צוויי פאָנדן, און זיי דאַרפן ניט באַקומען די צושטימונג פון דער פעדעראַציע זייענדיק יעדער פאָנד אַן אויטאָנאָמער אין זיין טאָגטעגלעכער אַרבעט און האַבנדיק פאַר זיין פליכט צו זוכן די בעסטע מענטשן אַ ווו מען קען זיי נאָר געפינען, כדי צוהעלפן צו דער דערפאָלגרייכער דורכפירונג פון די קרן היסוד קאַמפּיינען און די אַקטיוויטעטן פון קק"ל.

די געשריבענע פּרינציפּן און אָרגאַניזאַציאָנעלע באַשלוסן פון דער פעדעראַציע

די פאָרם פון וואַלן פון אַ נייעם דירעקטאָריום דורך דער פעדעראַציע, איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער טאָגטעגלעכער פּראַקטיק. די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט געמוזט זוכן לעזונגען פאַר פראַגן וועלכע זיינען אַרויפגעשווומען אויפן סדר היום פון דער ציוניסטישער טעטיקייט. די פאָרם פון וואַלן פון די דירעקטאָריומס פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ פּועל־יוצא פון אַן אינערלעכן צוזאַמענשטויס צווישן צוויי פּאַרטייען אין דער פעדעראַציע און דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען דער אויסוועג, אויף צו לעזן אַן אַנגעווייטיקטע פראַגע. טראָץ די גרויסע שוועריקייטן און פּערזענלעכע פראַגן וועלכע זיינען געשטאַנען אין קאַן, איז דאָך געפונען געוואָרן דער וועג פאַר די וואַלן און עס איז געוואָרן אַן אַקסיאָמע פאַר דער צוקונפטיקער אַרבעט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן אייניקע געשריבענע סטאַטוטן פאַר דער אַרבעט פון דער פעדעראַציע, וועלכע זיינען געוואָרן בינדנד פאַר אַלע פּאַרטייען און גרופּירונגען אין דער ציוניסטישער מחנה.

מיר גיבן דאָ אָן די באַשלוסן, אַזוי ווי זיי זיינען אָנגענומען געוואָרן נאָך לאַנגע דיסקוסיעס:

באַשלוסן

וועגן צוזאַמענשטעל פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און אַלע ציוניסטישע אינסטאַנצן אין מעקסיקע

1) דער יסוד פאַר די וואַלן אין אַלע ציוניסטישע אינסטאַנצן, איז דער שליסל פון די קאָנגרעס-וואַלן און איז גילטיק פון איין קאָנגרעס-וואַל ביזן צווייטן.

2) די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע באַשטייט פון פינף-און-צוואַנציק (25) מיטגלידער און די פּראָפּאָרץ ווערט באַשטימט לויטן רעזולטאַט פון די קאָנגרעס-וואַלן. די גרעסטע רעשט-לעך פון די צוגעשטעלטע וואַל-ליסטעס וועלן קאָמפּלעטירן די צאָל דעלעגאַטן.

3) אין פראַגן פון אידעאָלאָגישן און פּרינציפּיעלן כאַראַקטער ווערן באַשלוסן אָנגענומען אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע איינשטימיק.

4) די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס זיינען אין דער זעלבער צייט אויך די וואַלן צו דער ציוניסטישער פעדעראַציע און פאַרפליכטעט, גלייך נאָך די וואַלן, אַ נייע קאָנסטיטואירונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע.

5) עס ווערט רעקאָמענדירט, אַז עס זאָל רעספּעקטירט ווערן די קאָדעניץ פון די קאָמיטעטן פון קרן היסוד און קרן הקימת לישראל אין יאָר פון קאָנגרעס-וואַלן.

6) די אויבנדערמאַנטע באַשלוסן זיינען קאָנסטיטוטיוו און ווערן אָנגעווענדעט ביי יעדער נייער קאָנסטיטואירונג פון אַלע ציוניסטישע אינסטאַנצן.

מעקסיקע, דעם 23טן אָקטאָבער 1955.

דער דאָקומענט איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך אַלע פאַרשטייער פון די פּאַרטייען און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער ערשטער ריכטליניע פאַר דער צוקונפטיקער אַקטואירונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע.

די יסודות זיינען געלעגט געוואָרן „אַד האָק", ווייל אין אָקטאָבער 1955 איז נאָכניט געווען דער פאַרפליכטנדער באַשלוס פון קאָנגרעס מכוח ציוניסטישע פעדעראַציעס און די וועלט-עקזעקוטיווע ווי דער

אקציאנס-קאמיטעט זיינען קיינמאל נים באאויפטראגט געווארן מיט אויסארבען רעכטלעכע יסודות און רעגולאמינען פאר דער לויפנ־דיקער טעטיקייט פון די פעדעראציעס. די לאגע האט זיך געענדערט אויפן 24־טן ציוניסטישן קאנגרעס. דארט זיינען אנגענומען געווארן פארפליכטנדע באשלוסן וועגן דער גרינדונג פון פעדעראציעס אין יעדן לאנד און אין איצטיקן מאמענט ארבעט א קאמיסיע אונטערן פארזיץ פון מלך נוי, וועלכע דארף צושטעלן צו דער נאנטסטער (ער־שטער) סעסיע פון גרויסן אקציאנס-קאמיטעט אין ירושלים, אין יולי 1957, די סטאטוטן פאר דער טעטיקייט פון די ציוניסטישע פע־דעראציעס אויף דער וועלט. אין דעם פאל, וועט די היגע ציוניסטישע פעדעראציע אפשאפן די אלע באשלוסן, וועלכע זועלן שטיין אין א ווידערשפרוך מיט די וואס וועלן באשטעטיקט ווערן דורכן אקציאנס־קאמיטעט. דערוויל, אבער, זיינען די באשלוסן פארפליכנדע פאר דער ציוניסטישער באוועגונג אין מעקסיקע, און אלע אירע פארטייען און גרופירונגען אין דער פעדעראציע.

דער וועטא

ווי פאראדאקסאל דאס זאל נים אויסזען אין ערשטן בליק און ווי גרילצנד ס'זאל נים זיין פאר א דעמאקראטישן אויער דער באגריף אליין פון „וועטא", איז דאך אנגענומען געווארן אין מעקסיקע די פראצעדור פון „וועטא" פאר די פאליטישע פארטייען.

מיר האבן שוין איבערגעגעבן אין אנהייב פון דער ארבעט, אז די ערשטע ציוניסטישע פעדעראציע וואס איז געגרינדעט געווארן אין מעקסיקע אין די יארן פון 1949 ביז 1951 בערך, איז פונאנדער־געפאלן אין א גרויסער מאס צוליב דעם וואס מען האט פארוואנדלט די ציוניסטישע פעדעראציע אין א פלאץ, א ווו עס האבן זיך אויס־געשפילט פאליטישע אמביציעס און אידעאישע איינשטעלונגען.

מיט דער אנטשטייאונג פון דער נייער פעדעראציע, האבן אלע פארשטאנען, אז די פעדעראציע איז נים קיין „קליינער קאנגרעס" אין דעם זין, אז עס דארפן איבערגענומען ווערן מאכט־פאזיציעס און עס דארפן אויסגעשפילט ווערן אידעאישע ריכטליניעס. די אויפגאבע פון די פעדעראציעס איז שטארקן די ציוניסטישע באוועגונג אלס גאנצע, ארייננציען אין איר וואס מער געזעלשאפטלעכע גרופירונגען וועלכע שטייען מיטן פנים צום ציוניזם און צו מדינת ישראל, ווי אויך אומפארטייאישע יחידים. מיט אייןווארט, די פעדעראציעס זיינען בארופן ארויסצוברענגען אויף דער אויבערפלאך נים דאס וואס צע־

טיילט די באַוועגונג, נאָר דאָס וואָס פאַראייניקט איר, ניט די באַזונדערע אויפגאַבן נאָר די געמיינזאַמע פונקציעס און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן. ס'איז דעריבער קלאָר געוואָרן, אַז מיר דאַרפן געפונען אַ וועג, ווי אַזוי צו פאַרהיטן אַז אין די ראַמען פון דער פעדעראַציע זאָל מער ניט קומען צו אידעאישע צוזאַמענשטויסן. יעדע פּאַרטיי האָט רעכט אויף אירע שטעלונגען, און אפילו קעמפן פאַר זיי מיטן פולסטן ענטוזיאַזם, אָבער נאָר אויף אייגענע בינעס, אייגענע פאַרזאַמלונגען און אין אייגענע צייטונגען און אויסגאַבן. די פעדעראַציע האָט איין וויכטיקע אויפגאַבע: זי איז אַ פלאַץ פון צוזאַמענאַרבעט, און אַלץ וואָס לאָזט ניט רעאַליזירן די צוזאַמענאַרבעט מוז דערוויטערט ווערן פון איר.

איז געקומען דער פאָרשלאַג פון „וועטאָ", און ער איז נאָך אַ גענויער אַנאַליז פון די באַדינגונגען און דעם ציל וואָס דער „וועטאָ" דאַרף דינען, איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן פון אַלע פּאַרטייען. דער גרונט־געדאַנק איז דער פאָלגנדער:

יעדע פּאַרטיי האָט רעכט, ווען עס ווערט אַרויפגעשטעלט אַ פראַגע פון אַ צווייטער פּאַרטיי, וואָס רירט אָן אירע אידעאישע איינשטעלונגען אָדער געדאַנקלעכע פּרינציפּן, אַרויפצולעגן אַ „וועטאָ" ניט נאָר אויף דער אָפּשטימונג פון דער פראַגע, נאָר אפילו אויף איר דיסקוסיע.

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל: ווען אַ געוויסע פּאַרטיי וואָלט אַרויפגעשטעלט אויפן סדר היום פון דער פעדעראַציע אַ פאָרשלאַג, צו דיסקוטירן צי קען אַ ציוניסטישע פּאַרטיי זיין אַ מאַרקסיסטישע, האָט רעכט די פּאַרטיי וועלכע איז אַזעלכע, צו לעגן אַ „וועטאָ" אויף דער דיסקוסיע און אַ פּשיטא שוין אויף דער אָפּשטימונג. ווען איין פּאַרטיי וואָלט געוואָלט קוועסטיאָנירן אַ פּאָליטישע שטעלונג פון אַ צווייטער פּאַרטיי, וואָס זי מעג אפילו האַלטן אַז דאָס איז אַ שעדלעכע דערשיינונג, מעג די געגעבענע פּאַרטיי אַרויפלעגן אַ „וועטאָ" אויף אַזאַ פאָרשלאַג און אים אַראָפּנעמען פון טאָג־אָרדנונג.

דאָס איז געווען זייער אַ גוטער אויסוועג פאַר דער צוזאַמענאַרבעט אין דער פעדעראַציע. די פראַגע איז נאָר געוואָרן אַ ביסל פּראָבלעמאַטיש, ווען עס איז אַרויפגעשוווּמען אַ פראַגע, וואָס איז ערגעץ־ווו געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון פּרינציפּיעלקייט און פון אָרגאַניזאַציאָנעלן כאַראַקטער. עס זיינען אָבער געווען נאָר געציילטע פאַלן פון דעם כאַראַקטער אין לויף פון דער גאַנצער עקזיסטענץ פון דער פעדעראַציע, און עס איז ניט געקומען צו קיין צוזאַמענשטויסן, ווייל מען האָט תמיד געקענט דעפינירן וואָס איז אידעאיש־פּרינציפּיעל אָדער אָרגאַניזאַטאָריש־רעגלאַמענטאַריש.

אין פּאַראַגראַף נומער פיר פון די באַשלוסן פון אָקטאָבער 1955,

וואָס זיינען אויבן געבראַכט געוואָרן, ווערט גערעדט, אַז אין פּרינ־ציפּיעלע און אידעאַישע פראַגן מוז זיין אַן איינשטימיקייט ביי יעדן באַשלוס. דאָס איז פּאַקיש, אין אַ ספּעציפישער פאָרמולירונג, די „וועט־אָ״־רעכט פון יעדער פּאַרטיי. עס איז אָבער ווּכטיק צו פאָרמולירן די פונקציאָנירונג פון „וועטאָ״, ווייל אין געגעבענעם פּאַראַגראַף נום. 4 איז ניט פאָרגעזען, אַז מען טאָר אפילו ניט דיסקוטירן די פראַגע, נאָר אַז מען טאָר ניט באַשליסן מיט אַ מערהייט. פּאַקטיש אָבער, איז דער „וועטאָ״ געוועזן פאַרויסגעזען ווי אַ רעכט אפילו ניט צוצולאָזן אַ דיסקוסיע איבער אַזאַ פראַגע אַ ווו עס איז נייטיק אַן איינשטימי־קייט. עס איז געוועזן אי פּראַקטיש, ווייל ס'האָט דאָך ניט קיין זין צו דיסקוטירן פראַגן וועלכע מען ווייס פון פאָרויס אַז מ'וועט וועגן זיי ניט קענען אָנעמען קיין באַשלוס; אי ציוניסטיש־אויסגעהאַלטן, ווייל דאָס עצם פאַרמיידן אַ דיסקוסיע אַ ווו עס זיינען געוועזן אַלע אוים־זיכטן אַרויסצורופן בייז־בלוט צווישן פּאַרטייען און פּערזאָנען, איז שוין געוועזן אַן־און־פאַר־זיך אַ ביישטראָג פאַר שלום און גוטע פונק־ציאָנירונג אין דער פעדעראַציע.

ביי דער געלעגנהייט איז ווּכטיק איבערצוגעבן נאָך צוויי פאָר־מען פון דער רעכטלעכער אַרבעט פון דער פעדעראַציע.

1) אין פראַגן פון לויפנדער אַרבעט און פון טעכניש־אָרגאַניזאַ־ציאָנעלן כאַראַקטער, זיינען די אָפּשטימונגען מאַיאָריטערע. מיט אַנ־דערע ווערטער: איין שטימע איז גענוג זי זאָל איבערוועגן און דער באַשלוס ווערט פאַרפליכטנד.

2) אין אַזעלכע טעכנישע אָנגעלעגנהייטן, שטימען ניט די פאַר־טייען נאָר די אָנוועזנדיקע פּערזאָנען. ווען עס פעלט אַ פּאַרטיי, אָדער עס איז געקומען ניט מער ווי איין פּערזאָן פון אַ פּאַרטיי, האָט ער ניט געקענט שטימען פאַר זיין אָפּוועזנדיקן חבר, און האָט געהאַט נאָר זיין פּערזענלעכע שטימע. דאָס איז געוועזן אַן אָנדייט פאַר אַלע פּאַרטייען און זייערע פאָרשטייער אין דער פעדעראַציע, זיי זאָלן ניט פאַרנאַכלעסיקן די זיצונגען אַ ווו עס קענען אָנגענומען ווערן באַ־שלוסן וועגן דער לויפנדיקער אַרבעט פון דער פעדעראַציע, און זיי זאָלן דאָך זיין פון העכערן פּאָליטישן באַדייט פאַר יעדער פּאַרטיי. דאָס האָט בייגעטראָגן דערצו, אַז די זיצונגען פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע זיינען אין אַלגעמיין געוועזן זייער גוט באַזוכט.

עס איז אונדזער טיפסטע איבערצייגונג, אַז דער סיסטעם פון „וועטאָ״ ווי ער איז דעפינירט געוואָרן אין מעקסיקע, האָט געהאַט גאָר אַ פאַרקערטן באַדייט, ווי ער האָט אין דער ווירקלעכקייט. אַ „וועטאָ״ — אין דער „אָנו״, צ. ב. — ווערט געגעבן כדי פאַרמיידן אַ באַשלוס, אָפּהאַלטן אַן אַקציע, דערווייטערן אַ באַהאַנדלונג פון אַ

פראגע, וואס אין תוך איז זי א ריכטיקע אבער דינט ניט וועמענס אינטערעסן.

אין דער פעדעראציע, איז דער „וועטא" געווען א פאזיטיווע דערשיינונג, ווייל זיין פונקציע איז געווען ניט צו פארמיידן טעטי־קייטן, נאר דערמעגלעכן זיי, ניט דערוויטערן א באהאנדלונג פון א פראגע, ווייל זי איז א ריכטיקע, נאר איר ניט־דערמעגלעכן קומען אויפן סדר־היום, ווייל זי אנטהאלט אין זיך אויפרייס־מאטעריאל פאר דער עצם עקזיסטענץ פון דער געאייניקטער אינסטיטוציע פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין מעקסיקע.

עס איז מער ווי זיכער, אז ווען דער סיסטעם פון „וועטא" וואלט אריינגענומען געווארן אין דעם סטאטוטן־פראיעקט פון דער נוי־קא־מיסיע אין ירושלים, וואלט דערמיט דערגרייכט געווארן א גרויסער שריט פאראויס, פאר דער פארזיכערונג פון דער „רואיקער" פונקציא־נירונג פון דער געאייניקטער ציוניסטישער קערפערשאפט אין אלע לענדער פון דער וועלט.

די וואלן צום 24-טן ציוניסטישן קאנגרעס

מיר ווילן ניט אין דעם באריכט אויפמישן נאכאמאל דעם קאפיטל, וואס איז אן־און־פאר־זיך געווען פיינלעך אין דער פארם ווי אזוי עס זיינען אנגעגאנגען די דיסקוסיעס, זיצונגען און הינטערקוליסן־פאר־האנדלונגען. מיר קענען אבער אויך ניט איבערגיין צום סדר היום איבער דער פראגע. מיר וועלן זיך דעריבער באגנוגענען מיט איבער־געבן אין קורצן דעם פארלויף פון די אונטערהאנדלונגען, די שטע־לונגען וואס זיינען געקומען צום אויסדרוק, און די רעזולטאטן פון די וואלן אויפן יסוד פון אן הסכם צווישן פינף פארטייען.

אנטקעגן דער ספעציפישער לאגע וואס האט זיך געשאפן אין מדינת ישראל, נאך דעם געוועזער־פארקויף פון טשעכאסלאוואקיע־רוס־לאנד צו מצרים, האט די ציוניסטישע וועלט־באוועגונג געמוזט ארויסקומען מיט מער אייניקייט און אנטשלאסנקייט, ביים 24-טן ציוניסטישן קאנגרעס, ווי נאך קיינמאל ניט ביי וועלכע עס איז אנ־דערע קאנגרעסן. עס איז דעריבער אנגעוויזן געווארן פון דער ציו־ניסטישער עקזעקוטיווע, אז עס דארף געטאן ווערן אלץ אז אין דער תקופה זאל מען אויסמיידן פארטיי־קאמף אין די לענדער פון גלות, כדי ניט אויפרייצן די געמיטער. דאס וועט דערמעגלעכן פארוואנדלען דעם 24-טן ציוניסטישן קאנגרעס אין א געוואלדיקער מאניפעסטאציע פון ציוניסטישער אחדות, וואס הייסט, די אחדות פון רוב בנין ומנין

פון יידישן פאָלק. עס איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן אין די ווענדונגען פון דער וועלט-עקזעקוטיווע, אַז אַלע לענדער דאַרפן נאָכקומען דעםביישפּיל פון מדינת ישראל, אַ ווו די פּאַרטייען האָבן אויסגעמיטן דעם קאַמף אַרום די וואַלן צום 24-טן ציוניסטישן קאָנגרעס און זיינען איינגעגאַנגען אויפן אַ פּראָפּאָרץ-פאַרטיילונג פון די מאַנדאַטן לויטן אויסגאַנג פון די וואַלן צו דער דריטער כנסת.

די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט אויפגענומען דעם רוף, און גע־ווידמעט אַלע אירע ענערגיעס אין דער ריכטונג פון דערגרייכן אַ הסכם צווישן די פּאַרטייען.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ אויפצונעמען פּרטים, פאַרוואָס אַ טייל פּאַרטייען האָבן דווקא געפאָדערט וואַלן, טראָץ דער ווענדונג פון דער עקזעקוטיווע. מיר ווילן נאָר אָנווארפן די צענטראַלע מאָמענטן אין דעם פּאָליטישן גערangel אין מעקסיקע:

1) די מפא״י איז געווען איבערצייגט, אַז אַזוי ווי די הסתדרות ציונית במכסיקו, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיךביידע פליגלען פון אַלגעמיינעם ציוניזם (כלליים און פּרוגרסיביים), האָט זיך דעפי־ניטיוו געשפּאָלטן אויף צוויי אומאָפּהענגיקע פּאַרטייען, זיינען די כוחות פון אַלגעמיינעם ציוניזם געוואָרן געטיילט. ביי דער סיטוא־ציע, וואָלט די מפא״י — האָבן זיי געזאָגט — געקענט דערגרייכן ניט נאָר דעם ערשטן פּלאַץ אין די וואַלן, נאָר אויך צוויי דעלעגאַטן, אַ זאַך, וואָס קיין פּאַרטיי האָט עס אין מעקסיקע נאָכניט דערגרייכט ביז היינט. זיי וואָלטן דערמיט דערגרייכט דעם ערשטן פּלאַץ אין דער פעדעראַציע און אַזוי אַרום אַרויסגעשטויסן די אַלגעמיינע ציו־ניסטן פון זייער שליסל-פּאָזיציע פאַר די לעצטע יאָרן אין מעקסיקע.

2) די ליבעראַלע (פּראָגרעסיווע) ציוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער הסתדרות ציונית כללית, האָט געטענהט, אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר די מערהייט אין דער בירגערלעכער ציונ. באַוועגונג דאָהי. זיי האָבן געוואָלט וואַלן, כדי באַווייזן, ווער איז דער, וואָס רעפּרעזענטירט דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין מעקסיקע: דער כלליים-פליגל צי דער פּראָגרעסיווער פליגל.

3) די „חרות-הצה״ר" האָט געגלויבט, אַז זי וועט אין די וואַלן, אַרויסקומען אויף איינע פון די ערשטע צוויי פּלעצער, נעמענדיק אין אַכט, אַז זי וואָלט געקענט באַאיינפלוסן מיט אַקטיוויסטישער פּאָלי־טישער שטעלונג, די יידישע קאָנגרעס-וויילער אין מעקסיקע. זיי האָבן געהאַט ביישפּילן פון אַנדערע לענדער אין גלות אַ ווו עס זיינען יאָ פאָרגעקומען וואַלן און די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי איז אַרויסגעקומען געשטאַרקט לגבי זייער פריערדיקע צאָל שטימען צום קאָנגרעס.

4) די הסתדרות ציונית כללית איז געווען גרייט אויפצונעמען דעם ארויסרוף פון זייער אפגעשפאלטענער שוועסטער פארטיי (זייענדיק אין איין אלגעמיין-ציוניסטישער וועלט-קאנפעדעראציע), כדי טאקע צו זען ווער איז די מערהייט-פארטיי פון בירגערלעכן ציוניזם אין מעקסיקע. זיי האבן פארזיכערט אז זיי האלטן קאנטראלירט א גאר גרויסע צאל זיכערע שטימען.

5) די מפ"ם, וואס ווערט באטראכט פאר א קליינער פארטיי, איז פאקטיש געווען פאר וואלן, כדי איינמאל פאר אלעמאל איבערצוגייען די ציוניסטישע פארטייען, אז זי איז טאקע א פארטיי פון יוגנט-עלעמענטן, וואס אירע חברים האלטן אין איין עולה-זיין, אבער זי האט א גרויסע פעריפעריע פון שטימען פון לינק-דענקנדע און סאציאליסטיש טרייע יידן אין מעקסיקע, שוין אפגערעדט פון עלטערן פון שומרים און עולים, וואס פארזיכערן ביי יעדער געלעגנהייט, אז זייערע שטימען וואלטן געגאנגען פאר מפ"ם.

6) די מזרחי ווידער, צוזאמען מיטן הפועל-המזרחי נאכן מיזוג, און די פרויען-ארגאניזאציע נשי-מזרחי, האבן געהאלטן, אז זיי קענען צוציען ניט ווייניקער שטימען ווי יעדע אנדערע פארטיי אין מעקסיקע. מזרחי האט פארזיכערט, ביי פארשידענע דיסקוסיעס, אז זי וועט אנפירן א גרויסן וואל-קאמפיין און איז זיכער מיט א נצחון.

ביי דער סיטואציע, איז זיך לייכט פארצושטעלן די שווערע אויפגאבע פון געפינען אן אויסוועג פאר א הסכם. עס זיינען געווען זעקס-פארטייען און עס זיינען געווען, לויט דער צאל פארקויפטע שקלים, 5 מאנדאטן. עס זיינען געמאכט געווארן פארשידענע פארשלאגן פאר א הסכם, אבער גראד די מפא"י איז געשטאנען אויף א שטאנדפונקט, פון וועלכן מען האט איר ניט געקענט ווענדן אין דער ריכטונג פון א הסכם. זי האט געפאדערט איינס פון די ביידע: אדער א הסכם אויפן יסוד פון 2 מאנדאטן פאר איר (1 מפא"י און 1 פרויען-פיאנערן) און די אנדערע דריי זאל מען זיך טיילן ווי מ'וועט קענען; אין קעגנפאל, פאדערט זי דורכאוים וואלן.

דער ערשטער פארשלאג איז געווען ניט אנעמבאר פאר קיינעם ניט, ווייל סיי די הסתדרות ציונית כללית, סיי די חרות-הצה"ר, די ליבעראלע ציוניסטן, מפ"ם און מזרחי האבן געלייקנט אז מפא"י קומט צוויי מאנדאטן, ווייל זי וועט עס קיינמאל ניט דערגרייכן ביי וואלן. ווידער וואלן, איז מען שוין ניט געווען גרייט צו אנעמען, ווייל מען האט שוין געהאט, מיט א צייט צוריק, באשלאסן, אז מ'נעמט אן דעם פרינציפ פון א הסכם.

עס זיינען נאך געווען ספעציפישע פאליטישע אנגעלעגנהייטן ביי די וואלן, און נאכדעם ווי פינף פארטייען (הסתדרות ציונית במ-

כסיקו, חרות־הצוה"ר, ליבעראַלע ציוניסטן, מפ"ם און מזרחי) האָבן ניט געקענט באַקומען קיין הסכם פון מפא"י אויף אַ מאַנדאַטן־פאַר־טיילונג, האָבן זיי געשאַפן אַ קאָאַליציע, וואָס האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט ביי 88 פראָצענט פון די שוקלים, און זיי האָבן זיך פאַר־טיילט די פינף מאַנדאַטן יעדער איינער צו איין מאַנדאַט, אויפן יסוד פון פּאַריטעט.

עס זיינען נאָך פאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי צוויסטיקייטן, טעלע גראַמען וואָס זיינען געגאַנגען און געקומען צו דער עקזעקוטיווע אין ירושלים, אַ פרווו פון מפא"י צו שאַפן אין דער לעצטער מינוט אַ צווייטע וואַל־קאָמיסיע, וועלכע איז אָבער ניט מאַטעריאַליזירט געוואָרן למעשה, און צום סוף, איז דורכן קאָנגרעס־געריכט באַשטע־טיקט געוואָרן דער הסכם פון מעקסיקע צווישן די פינף פּאַרטייען.

די „ועדת רצון טוב", וועלכע איז געוויילט געוואָרן דורך דער עקזעקוטיווע כדי אויסגלייכן סיכסוכים צווישן פאַרטייען אין די פאַר־שידענע לענדער, האָט צוגעשטימט פאַר אַלע פאַרטייען פון דער וועלט־ליסטע צו צוויי מאַנדאַטן און פאַר מפא"י דריי, און דער איחוד עולמי פון מפא"י האָט געגעבן דער מפא"י פון מעקסיקע איין מאַנדאַט און די פרויען־פּיאָנערן איין מאַנדאַט.

אויף דעם יסוד, האָט גלייך נאָכן קאָנגרעס די היגע מפא"י אונ־טערגעהאַלטן איר אָריגינעלע פאָדערונג, אַז זי שטעלט מיט זיך פאַר־אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין פּראָפּאָרץ, די צאָל שטימען און דעם פּלאַץ פון אירע צוויי מאַנדאַטן, אַ זאַך וואָס זי האָט עס באַקומען באַשטעטיקט, יורידיש טעותדיק, דורך דער לאַטיינאַמערי־קאַנער לייטונג פון דער מחלקת הארגון אין ירושלים, אויפן יסוד פון אַ ניט־קאָמפּעטענטן באַשלוס פון דער „ועדת רצון טוב".

די פראַגע איז אויפגענומען געוואָרן אין אַ גרינטלעכער דיסקו־סיע אין דער פעדעראַציע, און עס איז קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרן, דורך די מערהייט פאַרטייען אַז די „ועדת רצון טוב", איז ניט געווען קיין יורידישער איינס פון דער קאָנסטיטוציע פון דער אַלוועלטלע־כער ציוניסטישער באַוועגונג, נאָר אַ קאָמיסיע „אד האָק", וואָס איז געווען טעטיק אויסשליסלעך אויפן 24־טן קאָנגרעס כדי שליכטן סי־כסוכים צווישן פאַרטייען אין די פאַרשידענע לענדער. ווייל די באַ־שטעטיקונג, וואָס עס האָט צוגעשיקט די לאַטיינאַמעריקאַנער מחלקה צו די היגע מפא"י און אַ קאָפּיע צו דער פעדעראַציע, איז געווען באַזירט אויף אַ באַשלוס פון דער „ועדת רצון טוב", אַז עס קומט מפא"י אין מעקסיקע אַ פּראָפּאָרציאָנעלע רעפּרעזענטאַנץ צו דער צאָל פון אירע צוויי מאַנדאַטן אויפן קאָנגרעס וואָס זי האָט באַקומען פון דער וועלט־ליסטע פון מפא"י און ניט פון מעקסיקע.

די פעדעראַציע האָט קוועסטיאָנירט די שטעלונג פון דער „ועדת רצון טוב" און אין אַן אויספירלעכער בריוו אָנגעוויזן דער עקזעקו־טיווע אין ירושלים אויף דער טעותדיקער אויפפאַסונג פון דער „ועדת רצון טוב", וואָס האָט זיך גענומען קאָמפּעטענצן, וואָס זיינען ניט געווען פאַרויסגעזעען ביי איר באַשטימונג און אין געביט פון איר יורידיקציע.

די פעדעראַציע האָט מיט צופרידנקייט פעסטגעשטעלט, אַז איר מיינונג וועגן די רעכט און קאָמפּעטענצן פון דער „ועדת רצון טוב", האָט באַקומען די פולסטע באַשטעטיקונג מצד דער עקזעקוטיווע. די מפא"י איז מער ניט אַנגעשטאַנען אויף דער פּרט, און עס איז איינ־געשטעלט געוואָרן ווידעראַמאָל, אָן קיין באַשלוס, נאָר ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך, דער פּרינציפּ פון פּאַריטעט אין דער פעדעראַ־ציע. אַ צווייטע פּאַרטיי האָט צוליב מאָטיוון, — וואָס זיינען ניט קלאָר דער לייטונג פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע וואָס גיט אָפּ דעם באַריכט, זיך באַמיט נאָכאַמאָל אויפוועקן די פּראָבלעם פון דער „ועדת רצון טוב" און איר באַשלוס וועגן דער פּרעפערענץ־סיטוא־ציע פאַר דער מפא"י אין מעקסיקע ביים פאַרטיילן אַמטן אין דער פעדעראַציע אָדער אין די פאָנדן, אָבער אויך דער פּרוּוו איז פולקאָם צו־ריקגעוויזן געוואָרן דורך דער עקזעקוטיווע אויפן יסוד פון די אויס־פירן וואָס אונדזער פעדעראַציע האָט געמאַכט, אַז די „ועדת רצון טוב" האָט ניט געהאַט קיין רעכט און ניט קיין פולמאַכטן צו באַ־שטימען פּרעפערענץ־רעכט אין פּרעפערענץ־פּאָזיציעס פאַר קיין פּאַרטיי אין מעקסיקע. דאָס איז אַ זאַך וואָס אַ פּאַרטיי באַקומט עס נאָר ווען זי באַווייזט איר כוח ביי וואַלן, און ניט דורך אַ באַשלוס פון אַ קאָמיסיע אין ירושלים.

שלום־וואָרט

מיר האַלטן זיך אָפּ פון אַנגעבן פּרטים וועגן דער טאָגטעגלעכער אַרבעט, ווי אויך פאַרשידענע איינצלהייטן וועגן פייערונגען, אונטער־נעמונגען, אויפנאַמעס, פּרעסע־קאָנפערענצן, רעפּרעזענטאַנצן אַ"א. מיר רעכענען אויך ניט אויס די געסט וואָס האָבן באַזוכט מעקסיקע, פאַר דער צייט פון דעם פּעריאָד פון דער פעדעראַציע. מיר האָבן זיך באַמיט האַלטן דעם באַריכט אין די ראַמען פון גרויסברענגעגען פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין מעקסיקע און איר פעדעראַציע, ווי אויך קלאָר מאַכן דערמיט די אויפגאַבן וואָס שטייען פאַר דער באַוועגונג דאָהי אין דער צוקונפט.

עס איז ניט געווען דער מיין, אין קיין פאל ניט, צו ארויסברענגען אויפסניי די פראבלעמען ארום וועלכע עס זיינען פארגעקומען פא־ליטישע פונאנדערזעצונגען אדער צוויספּטיקייטן, ביים באריכטן וועגן זיי. מיר האבן געוואלט נאר ארויסברענגען דערמיט אדער די פרא־בלעמען פאר וועלכע עס איז געשטאנען די פעדעראציע, אדער דעם אופן ווי אזוי די פעדעראציע האט געלעזט די שטרייט פראגן.

אויב געוויסע פארטייען און פערזאנען וועלן אפשר זיך פילן געטראפן אין דעם אדער אנדערן פרט, ווילן מיר פון פארויס בעטן אנטשולדיקונג, ווייל עס איז לכל הדעות ניט געווען אונדזער מיין ארויסרופן נייע ביטערנישן פון אלטע קאמפן, נאר פארקערט, אונ־טערשטרייכן אונדזער פעאיקייט פון בייקומען די שוועריקייטן מיט וועלכע מיר האבן זיך אנגעטראפן יעדן מאנטיק און דאנערשטיק, און דאס האט אויפגעהאלטן די פעדעראציע ווי א ווירקנדיקן און ערשטראנגיקן געזעלשאפטלעך־פאליטישן כוח אין מעקסיקאנער יידנטום. נאך וויכטיקער וואלט געווען אונדזער מיין ארויסרופן צווייס־טיקייטן, ווען מיר האבן שוין דערגרייכט — ניט וויניק טאקע א דאנק דער איצטיקער לייטונג פון דער ציוניסטישער פעדעראציע — א צופרידנשטעלנדיקן הסכם פאר אלע פארטייען צו ארגאניזירן דעם נייעם פרעזידיום, עקזעקוטיוו און ראט פון דער ציוניסטישער פעדעראציע אין מעקסיקע.

מיר ווילן נאר צום סוף מאכן אייניקע באמערקונגען, וואס וועלן באהאנדלען די שוועריקייטן ארום די אונטערהאנדלונגען פארן צו־זאמענשטעלן א נייעם פרעזידיום, עקזעקוטיוו און ראט אין דער פעדעראציע, די פראבלעמען פון ניט געטאענע טעטיקייטן און בא־רירן דערמיט אייניקע אספעקטן פון די צוקונפטיקע אויפגאבן פון דער ציוניסטישער באוועגונג און דער פעדעראציע אין מעקסיקע.

א) צוזאמענשטעל פון נייעם פרעזידיום.

די אויסזיכטן אויף צוזאמענשטעלן א נייעם פרעזידיום פון דער פעדעראציע זיינען געווען גלייך רעאליזירבארע, ווען די פינף פאר־טייען וואס האבן געשאפן דעם הסכם צו די וואלן צום 24טן ציוניס־טישן קאנגרעס, וואלטן געווען גרייט אליין אים פארמירן. עס איז אבער געווען די מיינונג פון אלע פארטייען און עסקנים, אז מען דארף דערגרייכן א פולשטענדיקן הסכם, פון אלע פארטייען, כדי דערווייטערן יעטוועדע מעגלעכקייט פון באנייען די אלטע צוויספּטי־קייטן.

פון אלע זייטן איז קריטיקירט געווארן די היינטיקע לייטונג פון דער פעדעראציע, פאר די לעצטע חדשים, פארוואס זי האט ניט ביינעטראגן, אז עס זאל געשאפן ווערן וואס שנעלער א נייער פרע־

זידיום. אָבער די וואָס האָבן קריטיקירט זיינען אָדער ניט געווען באַהאַוונט אין די אונטערהאַנדלונגען און געשפּרעכן וואָס זיינען אומאויפהערלעך פאָרגעקומען צווישן די פּאַרטייען, געפירט דורכן פּרעזידענט אין פונקציעס און גענעראַל־סעקרעטאַר, אָדער זיי האָבן אַרויסגעוויזן שלעכטן ווילן, ניט גלויבנדיק, אַז מען מיינט טאַקע אַ שלום צווישן די פּאַרטייען, און אַ פולשטענדיקע קאָאָפּעראַציע.

אין די באַדינגונגען, האָט די לייטונג פון דער פעדעראַציע געמוזט אויסהערן קריטיק און גאָרניט ענטפערן, ווייל אַזוי לאַנג ווי עס איז ניט דערגרייכט געוואָרן קיין הסכם, האָט מען געמוזט פאַרשווייגן יעדע אינסינואַציע וועגן „פּאַראַייביקן זיך אין די פּאָסטנס״.

קיינער האָט זיך אויך ניט אָפּגעגעבן אַ דו״ח, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציפישע לאַגע אין דער פעדעראַציע, דערמיט, וואָס דער פּרעזידענט אירער, ח׳ לייב דולצין, איז אויפן קאָנגרעס דערוויילט געוואָרן אין דער וועלט־עקזעקוטיווע, און די אַרבעט האָט איבערגענומען דער וויצע־פּרעזידענט, ח׳ רפאל ראַפּאַלין, אַלס פּרעזידענט־אין־פונקציעס. ביי דער סיטואַציע, ווען מפא״י האָט די לעצטע צוויי יאָר ניט פאַרנומען איר פּלאַץ אין פּרעזידיום — צוליב אויבן אויפגעקלערטע טעמים — און ווען די הסתדרות ציונית במכסיקו, האָט ניט געהאַט איר אַמט אין פּרעזידיום, איז די לאַגע פון דער פעדעראַציע געווען פיל שווערער, ווי אפילו די אָפּטימיסטן שטעלן זיך עס פאָר. אויך די אונטערהאַנדלונגען זיינען געווען רעדוצירט נאָר צו איינעם אָדער צוויי פּערזאָן פון פּרעזידיום, און דאָס האָט געשאַפן זייער אַ שווערע סיטואַציע פאַר דער היינטיקער לייטונג.

מיר ווילן אָבער, און טאַקע מיט אַ שמץ פון שטאָלץ, דערקלערן דאָ, אַז נאָר אַ דאַנק דעם אויסדויער פון די צוויי ח״ח אין דער אָנפירונג פון דער פעדעראַציע און עקשנותדיק פירנדיק די אונטערהאַנדלונגען — אָפּטמאָל ביי אַ נעגאַטיווער שטעלונג פון געוויסע פּאַרטייען — איז אויפגעהאַלטן געוואָרן די ציוניסטישע פעדעראַציע און מיר וועלן איבערגעבן דער נייער לייטונג אַ גוט פונקציאָנירנדיקע, אָרגאַניזירטע, קלאָר־דעפינירטע קערפּערשאַפט, וואָס איז אויסגעהאַמערט געוואָרן אין לאַנגע דיסקוסיעס און מיפולע אונטערהאַנדלונגען. ווען ניט דאָס, וואָלט דער היינטיקער פּרעזידיום געמוזט אָנהייבן אַלץ אויפסניי.

עס וועט געווען גענוג זיין אָנצווייזן אויפן פאַקט, אַז די שווערע פראַגע פון איינטייל פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין דער קהלה, דעם צוזאַמענשטעל פון די אַמטן, די וואַכזאַמקייט איבער פאַרשידענע פּאָליטישע אָנגעלעגנהייטן (ווי צום ביישפּיל די אויסאַרבעטונג פון דער

„פּרינציפּן דעקלאַראַציע" פון דער קהלה) איז די פעדעראַציע גע־שטאַנען אויף דער וואך און דערפילט איר פליכט בשלמות. געוויס, ווען אַלע פּאַרטייען וואלטן פולקאַם קאָאָפּערירט און עס וואלט געווען א גוטער ווילן, וואלטן מיר געקענט דערגרייכן פיל בעסערע רעזול־טאַטן, אָבער שטאַרקערע פּאָזיציעס, וואלט לכל הדעות אויך ניט געקענט דערגרייכן קיין שום אַנדערע ציוניסטישע קערפּערשאַפט ווי די וואָס עס האָט דערגרייכט די פעדעראַציע.

און מיר גיבן איבער דעם היינטיקן באַריכט ווי א רעזולטאַט פון דריי און א האַלב יאָר אַרבעט, וואָס וועט זיכער זיין א באַזע פאַר דער נייער ליטונג פון דער פעדעראַציע און וועט זיכער זיין א וועג־ווייזער אין גאַנצן לאַבירינט פון די פּראָבלעמען און אויפגאַבן פאַר וועלכע מיר שטייען ביי היינטיקן טאָג.

לאָמיר אָנדייטן, אַז פיל וויכטיקע טעטיקייטן זיינען ניט אויס־געפירט געוואָרן אין דער קאַדענץ פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע:

ב) ניט־אויסגעפירטע אויפגאַבן

1) עס איז ניט אָרגאַניזירט געוואָרן דער עקאָנאָמישער דעפּאַרטאַ־מענט, וואָס האָט געקענט פיל מער אויפטאָן אין מעקסיקע אויפן גע־ביט פון אינוועסטיציעס, און דער עיקר, קאָאָרדינירן די טעטיקייטן, און אָפּהיטן די אינטערעסן פון די מעקסיקאַנער אינוועסטירער פון פאַר־שידענע געזעלשאַפטן, וואָס ניט אַלע מאָל דערפילן זיי זייערע צוזאַגן.

